# לובלינער שטימע

קול לובלין

ארויסגעגעבן דורכן ארגון יוצאי לובלין


# 1942 - 1962 — 20 שנה לחורבן קהילת לובלין

## אינהאלט


נ. קורן — לאחר חורבנה של לובלין היהודית

אפרים איינשטיין — 20־טער יאָרטאָג פונעם אומקום פון יידישן לובלין

יעקב גלאטשטיין — נישט די מתים לויבן גאָט

נחמן בלומענטאל — „נוסח לובלין"

א. רייס — לובלין — ווי אזוי זי איז געבליבן אין מיין זכרון

ישראל עמיאָט — אַלט לובלין

ד"ר אלחנן האראָוויץ — וויפל יידן האָבן געלעבט אין לובלין?

צפורה ויסלפיש-דסקל — לי קבר כזה אין

מנחם (זאקאליק) פלדי — „בית לובלין" — אַ פאַראייביקונגס־מאָנומענט די „קדושי מיידאנעק"

פיליפּ גראָסמאַן — לובלינער אין ניו־יאָרק (קריטישער איבערבליק)

יוסף אכטמאַן — פארוואָס דארפן מיר האָבן א לובלינער לאנדסמאנשאַפט

אידא גליקשטיין — מיידאן טאטארסקי

א. א—ן — דייטשלאנד איז נעבעך מיד...

טילים למצרים — ותזמורת לגרמניה — בריוו צו ה' אורי קיסרי פון אפרים איינשטיין

ד. שטאָקפיש — אן אומגעווונטשענער אויסנאם

יצחק שבח לוינשטיין — זכרונות מהפעולות הראשונות הציונות בלובלין

א. וואָלף יאסני — אנא לאנגפוס און יעקב גלאטשטיין

אדוו. חיים ראָזענבערג — דאָס פּראָבלעם פון צוגערויבטן יידישן פארמעגן

צום אנדענק פון געשטאָרבענע חברים

ד"ר בן טובים-דאָבזשינסקי — אין יידישן קינדערהיים מיט 30 יאָר צוריק

יצחק רוטענבערג — א בינטל זכרונות וועגן דער גרינדונג פון ערשטן ארגון יוצאי לובלין אין ארץ־ישראל

דוד איידלמאַן — מיין חרוב געוואָרן יידיש לובלין

ד"ר אלחנן האראָוויץ — לובלינער ייד אויפגעבויט די „בתי ורשה" אין ירושלים



רעדאקציע קאָלעגיום: עובדיה פעלד, ד"ר אלחנן האראָוויץ, אפרים איינשטיין.


## דער חורבן פון פוילישן יידנטום

20 יאָר אין אַ נאָרמאַלן לעבן פון אַ נאָרמאַל פאָלק האָבן אָפט נישט קיין שום באַדייטונג. עס גייען אַוועק יאָרן, וואָס צייכענען זיך נישט אויס מיט גרויסע היסטאָרישע געשעענישן, איבערלעבונגען און אויפטרייסלונגען.

אָבער די לעצטע 20 יאָר זענען אַריין אין דער געשיכטע פון צאָלרייכע פעלקער אַלס יאָרן אויסגעפילטע מיט געוואַלטיקע געשעענישן, בלוטיקע שלאַכטן, אומבאַשרייבלעכע טראַגעדיעס, אומגלויבן אין גהינום-ליידן. על אחת כמה וכמה קאָן מען דאָס זאָגן וועגן יידישן פאָלק.

מיר זענען נישט די איינציקע, וועלכע האָבן געליטן אין דער באַרבאַרישער, אכזריותדיקער תקופה פון היטלעריזם. אויך אַנדערע פעלקער האָבן פאַרלוירן מיליאָנען זין און טעכטער אין דער גרויזאַמער מלחמה מיט אַ ריקזיכטלאָזן, טייוולאָנישן שונא. אָבער קיין שום פאָלק, וואָס איז געשטאַנען אין קאַמף מיטן היטלעריזם האָט נישט באַצאָלט אַזאַ טייערן פרייז, איז נישט אַזוי אָפגעגאַנגען אין בלוט, איז נישט אַזוי פאַרשניטן געוואָרן ווי דאָס יידישע.

די געשיכטע האָט אָבער אין אונדזער טראַגעדיע אַריינגעוואָרפן אַ שיין פון ליכט און נאַציאָנאַלן גליק דורך דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל. אָן דעם ליכט, אָן דעם ביסל גליק ווער ווייסט צי מיר, יידן, וואָלטן געקענט לעבן אין דער נאָך־מלחמהדיקער וועלט. די קליינע מדינה האָט אונדז אין פיל הינזיכטן רעהאַביליטירט אין די אויגן פון די פעלקער, וועלכע האָבן אויף אונדז געקוקט ווי אויף באַשעפענישן, וואָס האָבן נישט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג אויף דער וועלט.

די יונגע מדינה האָט צעשטערט בנינים פון שקר, בלבולים, פאָראורטיילן און פאַלשע מיינונגען וועגן כאַראַקטער, אייגנשאַפטן און פעאיקייטן פון יידישן פאָלק. אין געציילטע יאָרן האָבן מיר באַוויזן, אַז ווען מען גיט אונדז די מעגלעכקייט צו פירן אַ נאָרמאַל לעבן, איז אונדזער שעפערישקייט, אַרבעטסזאַמקייט, איבערגעגעבקייט צום לאַנד, פיאָנערישער גייסט, אַזוי גרויס און מעכטיק, אַז וווּנדער, פלאי פלאים ווערן געשאַפן אין אַ לאַנד, וואָס איז אין אַלע הינזיכטן פאַרנאַכלעסיקט און רואינירט געוואָרן במשך פון יאָרהונדערטער.

איצט שטייען מיר פאַר דער וועלט מיט אויסגעגלייכטע רוקנס, מיט אַ שטאָלצן בליק, וואָס דריקט אויס גליק און סאַטיספאַקציע.

נאָך סך הכל 15 יאָר פון זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ זענען מיר געוואָרן וועג־ווייזער פאַר צאָלרייכע מדינות, אַלטע און יונגע, אויף אַלע קאָנטינענטן. מיר האָבן וואָס צו „פאַרקויפן" די יונגע מדינות. מיר דינען פאַר זיי אַלס ביישפיל אויף געביטן אין וועלכע מיר אַליין זענען געווען פרעמדע ערשט נעכטן, אייערנעכטן.

* * *

אָבער טראָץ אונדזערע גרויסע דערגרייכונגען פילן מיר טאָג־טעגלעך דעם גרויזאַמען פאַרלוסט פון אייראָפּעאישן יידנטום, ספּעציעל פון העכער 3 מיליאָניקן פוילישן יידנטום.

דער דאָזיקער מענטשן־רעזערוואַר איז געווען דער אוצר פון יידישן פאָלק. מיר פרייען זיך מיט יעדן ייד, וועלכער קומט קיין ישראל. אָבער זאָל ביי דער געלעגנהייט געזאָגט ווערן, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט פאַרלוירן די קרוין מיטן חורבן פון פוילישן יידנטום און קיין אַנדערער ישוב קאָן דעם שוידערלעכן פאַרלוסט נישט פאַרטרעטן.

איצט פילן מיר ווי נויטיק עס זענען פאַר דער מדינה די הונדערטער טויזנטער פוילישע יידן, וועלכע וואָלטן באַרייכערט דאָס לאַנד מיט נייע שטעט, דערפער, אונטערנעמונגען און קולטור־אינסטיטוציעס אין ברייטסטן פאַרנעם.

דעם דאָזיקן פאַרלוסט, דעם דאָזיקן חורבן זענען מיר נישט אימשטאַנד אַפילו כאָטש טיילווייז צו פאַרקלענערן. אלנפאַלס נישט אונדזער דור און נישט די נאָענטסטע דורות, וועלכע וועלן קומען נאָך אונדז.

עובדיה פעלד

teatrnn.pl

**ג. קורן**

# לאחר חורבנה של לובלין היהודית

עשרים שנה עברו מיום חורבנה של הקהילה היהודית בלובלין. כ־40 אלף יהודים נרצחו, נשרפו או שנקברו חיים. למעלה מ־600 שנים התקיימה לובלין היהודית, תוססת ויוצרת. בעמל ויזע הקימו תושביה נכסים רבי־ערך, להנאתם ולהנאת שכניהם הלא־יהודים. ענקי רוח, הוגי דעות, רבנים, חוזים וסופרים רבי־תהילה יצרו נכסי רוח, שהשפעתם חרגה הרחק מגבולות פולין המדינה וחדרה לתפוצות הגולה בכל ארצות תבל. והנה עלתה עליה יד הכורת, יד ההרס והכליה של רשעות ורצח אכזריים ובמחי יד מחתה את כולה מעל פני האדמה לבלי השאיר לה שריד.

ואם באת ללובלין אחרי כלות מעשי ההרס והטבח המושלם, אחרי שמהרסיה ומחריביה גורשו ממנה, ועברת דרך שער העיר העתיקה ברחוב גרודזקה לצפות אל פני העיר היהודית, והנה חרדה גדולה הרעידה את כל נימי נפשך. עיניך תרות ומחפשות את חוצותיה וסמטאותיה של שכונת היהודים ואך שטח ריק לפניך, ריקנות ושממון מסביב. הרחובות כולם על בניניהם נעלמו ואינם, כאילו לא היה כאן ישוב מעולם. לא הריסות אתה רואה ואף לא את אבני הכביש; שום שריד ממה שהיה, שום סימן חיים — מישור ריק מתגלה לעיניך. ולא רק משום שהוונדאלים, רוויי שנאה וצמאי הרס וחורבן, רצו לטשטש את עקבות מעשה ההרס שלהם — רצונם היה, כנראה, גם למחות כל זכר של ישוב יהודי במקום. זה „הגזע העליון" שהתכונן לשלטון של אלף שנים, התכוון גם לתקן את תולדות העבר, והפרופסורים המכורים שלהם זממו בוודאי מזימות פשע לכתיבת היסטוריה חדשה מלאה שקר וכזב של הארצות שנכבשו על ידיו בדם ואש. עיניך תרות בשטח והנה הן נתקלות ב„זאמק" (טירה) שהוקם במחצית השניה של המאה ה־14 בימי המלך הפולני קאז'ימיר הגדול. שם התחיל להתרקם בימים הרחוקים האלה הישוב היהודי בלובלין תחת חסותו של המלך הגדול, שהניח יסוד איתן למלכות פולין. מלך זה, שראה תועלת רבה לפולין ביישוב יהודים, ריכז מסביב לטירה אומנים יהודים — ואולי היו הם הראשונים בפולין שעסקו במלאכת יד — שבעמל ידיהם הכינו ציוד ואספקה לארמון המלך וצבאו. זה הרחוב זאמקובה שלמרגלות הגבעה עליה בנויה הטירה. כעת עומדת היא, הטירה, שבימי כיבוש הנאצים שימשה מקום עינויים אכזריים לכל אלה שניסו להתקומם נגדם — עומדת היא גלמודה ושוממה. מאות פולנים נאסרו, עונו ונרצחו שם, וצאצאי יהודי לובלין הראשונים, אשר היו בימים הקדומים משען כלכלי ובטחוני למבצר של המלך הגדול, נשמדו. שילוב מקרים, שפולנים שהורעלו על ידי ארס השנאה הנאצית לא תפסו את משמעותם.

ואם רוצה אתה להעלות בזכרונך את מראה השכונה היהודית מלפני ההרס, הנך עוצם את עיניך, ולפני עיני רוח צפות ועולות תמונות מלפני שנים ספורות. הנך רואה את הרחובות שעראקה, קראוויצקה, יטצ'נה ועוד ועוד כשהן סואנות ומלאות תנועה. הנך רואה המוני עמלים, שלוים ותמימי דרך, כשהם יוצאים בשעות המוקדמות של הבוקר לעבודתם, ילדי חן יהודיים וספריהם תחת זרועותיהם אצים רצים אל בתי האולפנא, אל בתי הספר וה„חדרים". אזניך קולטות ממש את קולותיהם הרכים הצוהלים והמהדהדים בחלל הרחובות והסמטאות. שומע אתה את חריקת תריסי הברזל של החנויות, את התגרים על יד הדוכנים המכריזים על סחורותיהם, שעטת פרסות הסוסים מושכי עגלות עמוסות סחורה וקולות העגלונים המאיצים בהם, את קול הלמות הפטישים של הפחחים, נסירת המשורים של הנגרים, אליהם מצטרף טרטור מכונות התפירה של החייטים. והנה בוקעים מאיזה חלון קולות ערבים של תלמידים המשננים את תלמודם ועונים אחרי קולו של הרבי.

אך פתאום הנך פוקח את עיניך, ונדמה לך כאילו חלום חלמת בהקיץ — המציאות המרה טופחת על פניך — ריקנות ודממת מוות מסביב... וגם לבך מתרוקן.

הנך נושא את רגליך, משתרך בדרכך ותר אחרי איזה סימן כדי לאתר את מקום הבנינים שהיו ידועים לך ואהובים עליך. היכן המקום עליו היה בנוי בית הכנסת ההיסטורי של המהר"ם והמהרש"ל, שם היו שופכים את לבם יהודי לובלין, ודורות על דורות היו בוקעות ועולות משם תחינותיהם ותפילותיהם לפדות ולגאולה? היכן המקום שעליו היה עומד בית ועד ארבע הארצות, זה בית המחוקק העליון שהיה קובע את דרכי השלטון האוטונומי הפנימי ליהודי פולין ועיצב את חיי היהודים משך דורות? — הכל גז ונעלם בן לילה. ההיסטוריה שנכתבה בדם ויזע במשך מאות בשנים נמחקה בידים אכזריות תוך זמן קצר, במהירות הבזק.

בעינים פקוחות אינך רואה מאומה, אזניך אטומות ואינן קולטות כל הד מזה שהיה. השמש עולה על פני השמים, צופה בעין זועמת על השממה. בקרניה הבוערות היא זורקת אור מסנוור על מערומי האדמה וחושפת לעין כל את ערוות הדבר שעוללו לה מהרסיה ומחריביה.

בשברון לב עוזב אתה את מקום ההרס והחורבן של הדור האחרון ליהודי לובלין וברגלים כושלות הנך ממשיך בדרכך אל חצר־המוות, שם מצאו מנוחת עולמם דורות רבים של יהודי לובלין. רצונך לפקוד את קברי האבות ולשפוך עליהם את נפשך המלאה מרירות וצער לאין קץ, והנה גם זה נמנע ממך, ולמגנת לבך הנך רואה שזעמם וקצפם של הצוררים הגיעו גם עד הלום. גם המתים הודרכה מנוחתם. נקמתם הברברית של „נושאי התרבות החדשה" הגרמנית לא חסה גם על שוכני עפר. כבוד המתים חולל בידי הטמאים. המצבות נעקרו ואינם. בית הקברות שדה נחרש. מעטה עשב ירוק כבר הספיק לכסותו, סוסים רועים שם ונער פולני קטן עם כלבו שומר עליהם. רק האהל בנוי בטון שהוקם על קברו של הרב שפירא ז"ל, ראש ישיבת חכמי לובלין, נשאר בחלקו. לא הספיקו, כנראה, להרסו עד היסוד. בטוחים היו הוונדאלים של מחצית המאה העשרים בנצחון השלם, מחו את עקבות החיים והמתים מעל פני האדמה והתכוננו להקים עליה מאורות רוצחים לשלטון אלף שנים.

אך ספיחי הדרדרים, שהנאצים זרעו על אדמת פולין, לא בוערו אז עוד כליל, גם אחרי שגורשו משם בחרפה. מסביב לאהל ההרוס למחצה, השריד היחידי בבית הקברות, רואה אתה כמה קברים רעננים, בהם מצאו מנוחתם יהודים שניצלו מצפרני החיות הנאציות הטורפות ונפלו בידי אנשי כנופיות פולניות, שתורת השנאה והרצח הכתה שרשים עמוקים בלבם. גועשת סואנת אדמת פולין הרוויה דם נקי של מיליונים יהודים חפים מפשע, ובלבם של חניכי הנאצים גועשת לבת השנאה שמחפשת לה מפלט בחיקוי מעשיהם הנפשעים.


## חברים נכבדים

להופעת העתון „לובלינער שטימע" קבלו נא את מיטב ברכותי
הנני בטוח שהעתון יתקבל בשביעות רצון של כל הלובלינאים בארץ ובגולה.
תברכנה הידים העוסקות בדבר

שלכם
**ד"ר אברהם קרשמן**

## חשובע רעדאקציע!

גיט איבער אלע חברים פון קאָמיטעט מיינע בעסטע ווונטשן צום דערשיינען פון דער צייטונג „לובלינער שטימע".

מיט אכטונג
**משה קאָרן (טאשעמקא)**
פראנקפורט — דייטשלאנד


**אפרים איינשטיין**

# 20־טער יארטאג פונעם אומקום פון יידישן לובלין

20 יאָר זענען פאַרביי זינט עס זענען אומגעקומען און ליקווידירט געוואָרן די רעשטלעך פון יידישן געטאָ אין לובלין.

אַ פופציק טויזנט קעפיקע קהילה איז געווען לובלין. איינגעוואָרצלט מיט דורותדיקע טראַדיציעס אויף פוילישער ערד, איז זי געווען אַן אומטיילבאַרער חלק פון דער גאַנצער אַרומיקער לאַנדשאַפט, ווי, להבדיל, קלויסטער און בית־מדרש, קאַטוילישער אוניווערסיטעט און ישיבת חכמי לובלין. פוילישע שפּראַך און יידיש מאַמע־לשון, איינגעפונדעוועטע פויערים און יידן מיט לופט פרנסות, „גלאָס לובעלסקי" און „לובלינער טאָגבלאַט", פוילישע רעאַקציע און יידישער פאָרשריט, „געזונטע מיעשטשאַנעס" און בלאַסע יונגעלייט, פוילישער לבוש אין חסידישע זשופּיצעס, קראַקאָווסקע" פּזשעדמיעשטשע" און „אונטערן שלאָס" — דאָס אַלץ האָט געלעבט זייט ביי זייט פיל הונדערטער יאָרן, זיך גאַנץ אָפט שווער באַקעמפט, אָבער דאָך דערגענצט איינער דעם צווייטן און אויסגעזען ווי איין שטיק צוזאַמענגעוואָקסענע גאַנצקייט. ביז עס איז געקומען די קאַטאַסטראָפע.

פילפאַרביק איז געווען דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין לובלין. רייך אין אינסטיטוציעס און אין אונטערנעמונגס־גייסט, פאָלקס־שולן, תרבות־שולן, גימנאַזיעס, קינדער־היימען, יתומים־הייזער, מושבי זקנים. האַנטווערקער־שולן, און אָרגאַניזאַציעס, פּראָפעסיאָנעלע פאַראייגען, אַקאַדעמישע פאַרבאַנדן, ספּאָרט קלובן, סוחרים־פאַראיינען, גמילות־חסדים־קאַסעס, קרעדיט־אַנשטאַלטן, אינטעליגענטן־קלוב, געזונטהייטס־אָרגאַניזאַציעס: „טאָז", „אזע" שפּיטאָלן, פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס; ספּאָרט־קלובן, און אַן אַ צאָל גרעסערע און קלענערע שולן, בתי־מדרשים, חסידים־שטיבלעך און ישיבות, צווישן זיי די גרעסטע אין פוילן מאָדערנע ישיבה, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „ישיבת חכמי לובלין", געגרינדעט פון הרב שפירא ז"ל.

אָט דאָס לובלין, וואָס וועגן איר גרויסן אנטייל אין דער געשיכטע פון די פוילישע יידן זאָגן עדות די צענדליקער מצבות פון די גדולי הדור פון יענער צייט, וואָס זענען באַגראָבן אויפן אלטן בית־הקברות. דאָס לובלין פון ר' שלום שכנא און מהרש"ל ביז הרב קליאצקין, פונעם אייזערנעם קאָפּ ביז הרב שפירא — דאָס אַלץ איז מער נישטאָ.

לובלינער יידן זענען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. היינט טרעפן זיך אַלע לובלינער יידן, מענער און פרויען, פון תל־אביב און פון גאַנצן לאַנד, ווי איין גרויסע פאַריתומטע משפחה — ביי דעם היינטיקן יזכור־אָוונט. יעדער איינער וועט אויסווישן אַ טרער, דערמאָנענדיק זיינע נאָענטסטע און טייערסטע.

מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן אונדזער גרויסע טראַגעדיע, וואָס האָט נישט קיין גלייכן אין דער געשיכטע. מיר וועלן שטענדיק געדענקען ווער עס האָט אומגעבראַכט אונדזערע פאַמיליעס און אונדזער קהילה. אין אונדזערע הערצער וועט זיין שטענדיק אויסגעקריצט: „זכור מה שעשה לך העמלק הגרמני־נאַצי!"



teatrnn.pl

**יעקב גלאַטשטיין**

ניו־יאָרק

# נישט די מתים לויבן גאָט



דער דיכטער יעקב גלאַטשטיין האָט אונז אַרײַנגעשיקט צוויי פון זײַנע לידער געווידמעט דעם חורבן פון יידישן לובלין.

איין ליד פאַרעפנטלעכן מיר אין ערשטן נומער פון דער „לובלינער שטימע". דאָס אַנדערע וועלן מיר אָפּדרוקן אין צווייטן נומער, וואָס וועט דערשײַנען אין די נאָענטסטע מאָנאַטן.

**רעדאַקציע**

די תורה האָבן מיר מקבל געווען ביים סיני,
און אין לובלין האָבן מיר זי אָפּגעגעבן.
נישט די מתים לויבן גאָט,
די תורה איז געגעבן געוואָרן צום לעבן.
און אזוי צוזאַמען ווי מיר זיינען אלע באַזאַמען
געשטאַנען ביי מתן־תורה,
אזוי וואָר זיינען מיר אלע געשטאָרבן אין לובלין.

דעם צעצווייגטן קאָפּ, די פרומע אויגן,
דאָס ציטערדיקע מויל פון אַ קליין יידיש קינד
וועל איך איינוווּנדערן
אין אזא פאָרכטיק מעשהלע.
כ'וועל פאַר אים אויסשטערנען אַ יידישן הימל
און אים זאָגן אזוי:
ס'יידישע פאָלק איז א פייערדיקע זון
פון אָנהויב, ביז אָנהויב, ביז אָנהויב.
לערן זשע, יינגעלע, טייער יידיש יינגעלע,
פון אָנהויב, ביז אָנהויב, ביז אָנהויב.

ס'גאַנצע אויסגעחלומטע פאָלק
איז ביים בארג סיני געשטאַנען
און מקבל געווען די תורה.
געשטאָרבענע, לעבעדיקע, נאָך נישט געבאָרענע.
אלע יידישע נשמות האָבן אָפּגעענטפערט:
מיר וועלן האָרכן און הערן.
דו, דאָס טרויעריקסטע יידישע יינגעלע פון אלע דורות,
ביזט אויך ביים בארג סיני געשטאַנען.
דיינע נאָזלעכער האָבן געשמעקט
דעם ראָזשינקע־מאַנדל פון יעדער וואָרט אין דער תורה.
ס'איז געווען שבועות — יום טוב פון גרינס.
האָסט ווי א זינג־פויגל מיטגעזונגען:
כ'וועל האָרכן און הערן, הערן און האָרכן,
פון אָנהויב, ביז אָנהויב, ביז אָנהויב.

יידיש יינגעלע, אָנגעצייכנט איז דיין לעבן
אויפן אויסגעשטערנטן יידישן הימל,
האָסט קיינמאָל נישט געפעלט,
האָסט נישט געטאָרט פעלן.
מ'האָט דיך אויסגעהאָפט און אויסגעבעטן,
אלעמאָל ווען מיר זענען געווען, ביזטו אויך געווען.
און ווען מיר זענען געוואָרן אויס,
ביזטו מיט אונז נישט געוואָרן.
און אזוי צוזאַמען ווי מיר זענען אלע באַזאַמען
געשטאַנען ביי מתן־תורה,
אזוי וואָר זענען מיר אלע געשטאָרבן אין לובלין.
פון אומעטום זענען טייערע נשמות אָנגעפלויגן,
אויסגעלעבטע, יונג־געשטאָרבענע,
פאַרפייניקטע, אויף אלע פייערן אויסגעפרוווטע,
נאָך־נישט־געבאָרענע,
אלע געשטאָרבענע יידן, פון עלטער־זיידן אברהם אָן,
זיינען געווען אין לובלין ביים גרויסן חורבן.
אלע וואָס זיינען ביים בארג סיני געשטאַנען
און מקבל געווען די תורה,
האָבן גענומען אויף זיך די הייליקע מיתות.
מיר ווילן מיטשטאַרבן מיטן גאַנצן פאָלק,
מיר ווילן נאָכאַמאָל טויט ווערן,
האָבן די נשמות געיאָמערט.
די מאַמע שרה, די מוטער רחל,
מרים און דבורה הנביאה,
זענען מיט תחינות אין געזאַנגען אויסגעגאַנגען.
משה רבינו וואָס האָט אזוי נישט געוואָלט שטאַרבן,
ווען זיין צייט איז געקומען
איז נאָכאַמאָל געשטאָרבן.
און זיין ברודער אהרן,
און דוד המלך
און דער רמב"ם, דער ווילנער גאון,
דער מהר"ם און מהרש"ל,
דער חוזה און אברהמעלע אייגער.
און מיט יעדער הייליקער נשמה
וואָס איז אויסגעגאַנגען אין יסורים,
זענען מיטגעשטאָרבן הונדערטער נשמות
פון טייערע געשטאָרבענע יידן.

און דו, געשמאַק יינגעלע, ביזט דאָרטן אויך געווען.
דו, אָנגעצייכנטער אויף דעם אויסגעשטערנטן יידישן הימל,
ביזט דאָרט אויך געווען און געשטאָרבן.
זיס ווי א טויב האָסטו געשטרעקט דיין האלדז
און געזונגען מיט די אבות און די אמהות.
פון אָנהויב, ביז אָנהויב, ביז אָנהויב.

פארמאַך די אויגן, ליב יידיש יינגעלע,
און דערמאָן זיך ווי דער בעל־שם האָט דיך איינגעוויגט
אין זיינע אָרעמס,
ווען ס'גאַנצע אויסגעחלומטע פאָלק
איז אויסגעגאַנגען אין די גאז־קאַמערן פון לובלין.
און איבער די גאז־קאַמערן,
און הייליקע געשטאָרבענע נשמות,
האָט זיך געריכערט אַן איינזאַמער, א פארלאָשענער סיני.
יינגעלע מיטן צעצווייגטן קאָפּ,
פרומע אויגן און ציטערדיקן מויל,
דאָס ביזטו דאָך געווען, די שטילע, קליינע, עלנטע,
אָפּגעגעבענע תורה.
ביזט געשטאַנען אויפן סיני און געוויינט,
אריינגעוויינט דיין געוויין אין א טויטער וועלט.
פון אָנהויב, ביז אָנהויב, ביז אָנהויב.

און אזוי האָסטו געוויינט:
די תורה האָבן מיר מקבל געווען ביים סיני,
און אין לובלין האָבן מיר זי אָפּגעגעבן.
נישט די מתים לויבן גאָט.
די תורה איז געגעבן געוואָרן צום לעבן.

נחמן בלומענטאל

# „נוסח לובלין"

אַז מען זאָגט נוסח לובלין — אָן געענדזנפיסלעך — ווייסט יעדער ייד אויף גאָר דער וועלט, וואָס מען מיינט. לובלין האָט זיך נאָך צוריק מיט הונדערטער יאָרן קונה שם געווען מיט אירע לומדים, ישיבות, מיט אירע סוגיות אין לערנען, און איר לעבנס־שטייגער. אין דער נייערער צייט האָט לובלין ווידער געוואָנדן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון וועלט־יידנטום דורכן אויפשטעלן א נייע מאָדערנע ישיבה — אין אַ פּראַכטפולן בנין ביי איינער פון די באַלעבטסטע יידישע גאַסן, נישט ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם עק (אויך דאָס האָט אַ באַדייטונג!) — וווהין עס האָבן געשטראָמט יוגנטלעכע מכל הארצות העולם. און צוליבן איינפירן — דורכן ראש־הישיבה, הרב מאיר שפירא ז"ל — דעם „דף יומי" איז ווידער געוואָרפן געוואָרן אַ געדאַנק איבער גאָר דער יידישער וועלט פון אונדזער שטאָט — לובלין.

דאָס איז נאָר איין צד פון אונדזער לעבן, איין געביט, וואָס איז נוגע דעם רעליגיעזן — אין ברייטערן זינען פון וואָרט — יידן. אָבער נעבן דעם האָט „נוסח־לובלין" געפונען זיין אויסדרוק אין משך פון לאַנגע יאָרן אויך אין דעם וועלטלעכן לעבן פון אונדזערע מיטשטעטלער. דאָס דריקט זיך אויס אין דעם האַרטנעקיקן קאַמף, וואָס יידן אין לובלין האָבן געפירט קעגן זייערע אויסערלעכע און אינערלעכע שונאים פאַרן רעכט צו לעבן אין דער שטאָט און פאַר די לעבנס־רעכט פון גאַנצן פאָלק („קיום האומה").

פון די ווייטסטע יאָרן פון דעם פינצטערן מיטלאַלטער ביז די נייעסטע צייטן פון אויפגעקלערטן כלומרשט הומאַניזם האָט מען דעם דאָזיקן קאַמף געפירט און פאַרשיידענע פאָרמען האָט דער דאָזיקער קאַמף אָנגענומען, אָנגעהויבן פון די „פּעטיציעס", השתדלותן פון די פּני פון דער קהלה — צי פון ברייטערע יידישע קערפּערשאַפטן („ועד ארבע ארצות") און ענדיקנדיק מיט קאָנקרעטע, ממשותדיקע קאַמפן צי שלעגערייען, וואָס יידן איז אויסגעקומען צו פירן קעגן אויסערלעכע שונאים צוזאַמען מיט די איבעריקע בירגער פון שטאָט, נישט יידן, און קעגן אינערלעכע שונאים בלויז מיט די אייגענע כוחות.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן אין משך פון יאָרהונדערטער, פון אָנהויב פון אונדזער באַזעצן זיך אין לובלין (14־טער יאָרהונדערט? ווער קאָן דאָס גענוי פעסטשטעלן) ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

האָט דאָס מיטלאַלטער געקענט דעם אויסדרוק „טומולטן" פון שילער קעגן יידן — באַטראַכט האָבן דאָס די פּוילישע הערשער — ווי אַ מין אומשולדיקן שפּיל פון קינדער, וואָס דאַרפן זיך אַביסל נאָך די שווערע לימודים אין דער שול „אויסלעבן" און דאָס נישט פאַרווערט — ווייל אויב דערביי זענען אַביסל יידן צעשלאָגן געוואָרן, יידישע געשעפטן צעראַבירט געוואָרן, טאָ וועמען האָט דאָס געאַרט? — האָבן מיר דאָס זעלבע איבערגעלעבט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אין די לעצטע יאָר פאַר דער מלחמה, ווען פּוילישע „אַקאַדעמיקער" מיט די גרינע בענדלעך אין די לאַצן און גראָבע שטעקנס אין די הענט, האָבן געפירט אַ „באַיקאָטאַקציע" קעגן די יידן, געשיצט דורך זייער אַנטיסעמיטישן רעקטאָר פון דער לובלינער קאַטוילישער אוניווערסיטעט, ד"ר קרושינסקי.

אין אַלע די פאַלן איז דער ייד — נישט געקוקט אויף אַלץ — ביי זיך נישט געפאַלן; פאַרטיידיקט זיך, ווי אַזוי נאָר ער האָט געקאָנט, געהאַט אבדות, אָבער פאָרט געבליבן אויף דער אויבערפלאַך פון לעבן. ביז ס'איז געקומען די צייט, ווען נוסח לובלין האָט באַקומען אַ נייעם טייטש און יידן האָבן אים אָנגעהויבן שרייבן מיט „...געענדזנפיסלעך"...

געשען איז דאָס נאָך אין יענע יאָרן. אויב כ'האָב קיין טעות נישט, באַנוצט זיך מיט דעם אויסדרוק איינער פון די ערשטע, דער יידיש־העברעאישער דיכטער, יצחק כצנלסון אין זיינע כתבים, געשריבן אין די יאָרן 1942—1944, קודם אין געטאָ וואַרשע און שפּעטער אין לאַגער וויטעל (פראַנקרייך), איידער ער איז פון דאָרט אָפּגעשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ.

און דעם דאָזיקן אויסדרוק קאָן מען אויך געפינען אין א היינטיקן יזכור־בוך נאָך אַ שטעטל, וואָס איז חרוב געוואָרן אין יענע יאָרן.

## וואָס באַדייט דער נוסח לובלין?

נוסח לובלין — אין נייעם „מאָדערנעם" זין באַדייט, אַז אַ געוויסע אָרטשאַפט איז אומגעבראַכט געוואָרן על פּי נוסח לובלין. דאָס רעדט זיך שוין נישט וועגן אַ סוגיה אין לערנען; נישט וועגן אַן אופן פון אויפפירן זיך, נאָר וועגן א מעטאָד פון אומברענגען מענטשן (יידן) אויפן ביליקסטן, עקאָנאָמישסטן אופן, ד. ה. מען זאָל אויסמיידן יעדן מין ווידערשטאַנד פון זייער זייט, אי די אייגענע הוצאות ביים אַדורכפירן פון דער אַקציע זאָלן באַטרעפן ווי אַמווייניקסטן, און זאָל נאָך אַפילו ברענגען רווחים, גרויסע רווחים. און אַזוי ווי דער שטאַב, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אקציע פון אויסראָטן די פּוילישע יידן האָט זיך געפונען די גאַנצע צייט (זינט נאָוועמבער 1939) אין לובלין, - דאָ געמאַכט אויספאָרשונגען אין משך פון יאָרן, ווי אַזוי די אַרבעט אַדורכצופירן, און לובלין טאַקע אַליין, איז געווען אַ שטאָט, וואָס האָט געדאַרפט די ערשטע ווערן יודענריין — איז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס יידן האָבן דאָס אַלץ אָנגערופן „נוסח לובלין".

לובלין איז נעמלעך שוין אין מערץ—אַפּריל 1942 אויסגעזידלט געוואָרן, און אומגעבראַכט געוואָרן אין טויטן־לאַגער בעלזשעץ, נאָכדעם ווי מען האָט מיט די לובלינער יידן קודם אַדורכגעפירט „רעפּעטיציעס" פון אויסזידלען זיי אין דער נאָענטער סביבה.

ווייל דאָס איז געווען דער ראשית־חכמה פון דעם שטאַב, וואָס האָט אָנגעפירט מיט אויסראָטן די יידן אין פּוילן, — גערופן האָט ער זיך אָפּיציעל און צוגלייך פאַרשטעלט, אַ זייטיקער זאָל נישט פאַרשטיין אין וואָס עס האַנדלט זיך „איינזאַץ ריינהאַרד", אָדער „אַקציאָן ריינהאַרד" — נישט לאָזן דעם יידן רוען אַפילו קיין רגע נישט. כסדר נייע גזירות, כסדר געשלעפּט אים אויף אַרבעט, כסדר געהייסן אים וואָגלען — פון איין גאַס אויף דער צווייטער, פון איין ישוב אין צווייטן — אַזוי אַז דער ייד איז כסדר געווען טרוד, נע ונד און גרייט צו דעם, וואָס די דייטשן האָבן גערופן „אויסזידלונג". פון אָנהויב האָט מען טאַקע אויסגעזידלט אַ יידישן ישוב אויף אַן אַנדערן אָרט און די יידן טאַקע זענען געבליבן לעבן. מיט דער צייט אָבער האָט מען אויפגעבויט טאַקע אין דער נאָענטסטער סביבה פון לובלין טויטלאַגערן און טאַקע מיט יידישע הענט!, —און דעמאָלט האָט מען די יידן ווייטער „אויסגעזידלט" — צו וואָס די יידן זענען שוין געווען צוגעוווינט — אָבער דאָס מאָל אין טויטןלאַגערן. ביי די יידן האָט נאָך דער אויסדרוק „אויסזידלען" געהאַט זיין פריערדיקן באַדייט, מ'פאָרט אַריבער אויף אַן אַנדער אָרט אויף אַרבעט, אויף לעבן אין בעסערע באַדינגונגען, — און דאָס האָבן די דייטשן בקול רם אָפן געזאָגט און געפּרעדיקט. ביי זיי אַליין, אָבער האָט שוין דער דאָזיקער אויסדרוק — בסתר פאַר די יידן — געהייסן אויסזידלען „אויף נישט מער צוריקצוקומען", ווי דאָס זאָגט זיך אין א דייטשן דאָקומענט, וואָס געפינט זיך אין אונדזערע הענט.

און לובלין איז געווען די ערשטע שטאָט, וואָס האָט אַדורכגעמאַכט אַזאַ מין נייע „אויסזידלונג", בעת וועלכער מ'האָט אַרויסגעפירט אַ דרייסיק טויזנט יידן און זיי אויף אַ מיאוסן און היטלעריסטישן אופן אומגעבראַכט.

עס האָט זיך אָפּגעהיט דער פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג פון יודענראַט אין לובלין, אין וועלכן עס רעדט זיך, ווי אַזוי פאָרשטייער פון דער דייטשער מאַכט גיבן איבער מונדלעך — נישט שריפטלעך, עס זאָל נישט בלייבן קיין שריפטלעכער דאָקומענט, אַ באַווייז וועגן אייגענער שולד! — אַ פאַראָרדענונג, די יידן פון לובלין, זאָלן פאַרלאָזן דאָס געטאָ, וואָס איז ענג און נישט באַקוועם, און זאָלן אַריבערפאָרן אויף אַרבעט און בעסערע באַדינגונגען. און יידן האָבן אין דעם געגלויבט. דאָס האָט זיי געקאָסט זייער לעבן.

וועגן אָט דעם גירוש לובלין שרייבט דער דערמאָנטער אויבן דיכטער אין אַזוי גערורפענעם „פּנקס ויטל": „ימי הפסח של שנת תש"ב, לובלין, זאת הקהילה הגדולה והקדושה זה מאות בשנים, לובלין העתיקה, פּומפּודיתא זו, נהרדעה דארעא דפולין, לובלין כלתה, אפסה, תמה.

הרגו בה מטף ועד זקן, מאשה ועד עולל, אמות וילדים בבטנם. הגיעו אלינו השמועות טלפוניות, שולחו רצים, יהודים, בחורות מישראל עם ניירות של גויים להודע — אוי לנו, ידענו את הכל! ידענו את כל הפרטים, הגויים הביאום". יהודי לובלין נחנקו באולמי החניקה בבלזשיץ..."

דער מחבר האָט זיך דעמאָלט געפונען אין וואַרשע און זיך וועגן דעם דערוווסט, פון דעם יידישן אונטערערד, וואָס האָט געשיקט קיין לובלין יידישע מיידלעך, מיט אַרישע פּאַפּירן — איינע פון זיי איז געווען חוקה פּאַלמאַן, וואָס איז געקומען אין לובלין בעת דער אַקציע און באַוויזן אַפילו כאַפּן אַ שמועס מיט אייניקע באַקאַנטע יידן, צווישן זיי האָט זיך געפונען די פרוי דאָבזשינסקאַ, די איבעריקע נעמען זענען שוין אַרויס פון זכרון — און זיי האָבן געבראַכט די ידיעה קיין וואַרשע, אין געטאָ, צו די ווידערשטענדלער.

אינטערעסאַנט, שפּעטער מיט בערך אַ האַלב יאָר — יולי 1942 — איז אויף דעם זעלבן אופן — נוסח לובלין, פאַרניכטעט געוואָרן „דאָס גרעסטע געטאָ אויף דער וועלט" - וואַרשע גופא. ווידער זענען געקומען דייטשע אָפיצירן אין יודענראַט און ווידער גערעדט וועגן אַן אויסזידלונג און ווידער באַפוילן, ווי אַזוי דאָס דאַרף צוגיין... און ווידער האָט דער גרעסטער טייל יידן אין דעם געגלויבט און געלאָזט זיך אויסזידלען... ווייל זיי האָבן דאָך נישט געוווסט גענוי, וואָס ס'איז פאָרגעקומען מיט די לובלינער יידן, זיי האָבן אויך נישט געלייענט דעם פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג פון לובלינער יודענראַט!

דאַקעגן ביי די דייטשן — איז דאָס שוין געווען אַ זאַך פון דערפאַרונג. זיי האָבן שוין גוט געוווסט, וואָס צו טון, ווי אַזוי זיך אויפפירן. טאַקע די לובלינער עס־עס־לייט זענען געקומען קיין וואַרשע אַדורכצופירן די אַקציע, צו וועלכער זיי זענען געווען גוט צוגעגרייט; געקענט גוט דעם נוסח־לובלין.

דאַקעגן פאַר די יידן פון יעדן שטעטל, און אויך פון דער גרויסער שטאָט וואַרשע, איז דער לעצטער גירוש געקומען פּלוצים, אומגעריכט און מען האָט נישט געוווסט, וואָס דאָס מיינט. די יידן זענען דאָך געווען פאַרשפּאַרט אין די געטאָס, אָפּגעשניטן איינער פון צווייטן. און עס איז נישט געווען, ווער עס זאָל זיי אויפקלערן און באַוווסטמאַכן, וואָס דאָ קומט פאָר. ביז די טויערן פון די גאַז־קאַמערן האָט דאָס רוב יידן נישט געוווסט, וואָס ס'דערוואַרט זיי. און דאָס איז געווען זייער אומגליק; דאָס אומגליק פון פּוילישן יידנטום, ווי אויך פון די יידן פון אַנדערע לענדער, וואָס האָבן נאָך ביז דער העלפט 1944 (די יידן אין אונגאַרן!) נישט געוווסט, וואָס דאָס מיינט אַ טויטן־לאַגער אין פּוילן!

ערשט נאָכן גרויסן גירוש וואַרשע, בעת וועלכן ס'זענען אומגעקומען אַ דרייהונדערט

(סוף אויף זייט 5)



דער שלאָס מיט די אַרומיקע געסלעך

**א. רייס** פאָרזיצער פון התאחדות עולי פולין אין ישראל

# לובלין — ווי אַזוי זי איז געבליבן אין מיין זכרון

איך בין נישט געבוירן געוואָרן אין לובלין, איך בין אויך נישט געווען דאָרט אַ תושב. אָבער מיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין פּוילן, האָט מיך געפירט אַהין פון צייט צו צייט. פון יעדן באַזוך דאָרט זענען געבליבן ביי מיר איינדרוקן, וואָס זענען אויפגעקומען ביי מיר ביים באַזוך פון אַנדערע פּוילישע שטעט. איך האָב נישט בדעה זיך אָפּצושטעלן אויף דער שטאָט לובלין אַלס גאַנצע און וויל שענקען די פּאָר שורות נאָר מיינע דערינערונגען וועגן דעם יידישן לובלין.

מיין ערשטער באַזוך אין לובלין איז געווען אין 1928, ווען איך בין געקומען פון א״י, כדי צו פארשטאַרקן די אַרבעט פון דער ליגע פאַרן אַרבעטנדן א״י און פון דער פּועלי־ציון — צ. ס.־פּאַרטיי.

איך דערמאָן זיך גוט, ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין לובלין. ס׳האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז איך בין אין אַ יידישער שטאָט, טראָץ דעם, וואָס די שטאָט האָט געהאַט אַ גרויסע נישט יידישע באַפעלקערונג. גייענדיק אין די גאַסן, אויפן רינעק, האָב איך געזען כמעט נאָר יידן און געהערט נאָר יידיש. ס׳איז געפאַלן אין די אויגן די ריינקייט אין די גאַסן און אין די געשעפטן, אין קעגנזאַץ צו אַנדערע שטעט אין פּוילן מיט אַ גרויסער יידישער באַפעלקערונג. אמת, אויך די גאַסן אין לובלין זענען געווען פול מיט יידן, ווי אין יענע, אָבער אָן דעם רעש און געפּילדער, ווי אין די אַנדערע שטעט. לובלין האָט געצויגן צו זיך עסקנים און געזעלשאַפטלעכע טוער, ווייל דאָ האָט מען זיך געטראָפן מיט אַן אינטעליגענטן און אינטערעסאַנטן יידישן עולם, ביי לעקציעס און ביי פאַרזאַמלונגען, ביי געזעלשאַפטלעכע אַקציעס און אויך ביי פּריוואַטע צוזאַמענקונפטן.

לובלין האָט זיך פאַררעכנט לויט מיין זכרון, צו די ווייניקע שטעט, אין וועלכע, בעת מיין יעדן באַזוך, האָב איך געהאַט אויך אַן אינטערעס זיך צו טרעפן מיט חברים און פריינט אין פּריוואַטע היימען, פאַר אַ פּערזענלעכן שמועס. נישט שטענדיק האָב איך זיך באַגעגנט, ביי די שמועסן, דווקא נאָר מיט יענע, וואָס זענען מיר געווען נאָענט אידעאָלאָגיש און פּאַרטייאיש. אָפט זענען אַנוועזנד געווען פּערזאָנען פון פאַרשידענע ריכטונגען. אָבער דאָס האָט נישט געשטערט בכלל, צו פאַרברענגען צייט — נאָך אַ פאַרזאַמלונג, אָדער נאָך אַ לעקציע בעתן פרייען, חברישן, אינטימען שמועס אַרומרעדן אַלגעמיינע פּראָבלעמען פון דעם יידישן לעבן, אָדער אפילו פאַראַגנע פּאָליטישע, אָדער אידעאָלאָגישע קעגנזאַצן. ס׳האָט זיך געפילט, אַז די געזעלשאַפטלעכע יידישע סביבה אין לובלין, טראָץ דער גאַנצער פאַרביסנקייט אינעם פּאָליטישן קאַמף אין פּוילן, איז אַ סביבה פון יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָט אַן ערנסטן זאַכלעכן אינטערעס צו די פּראָבלעמען פון יידישן לעבן בכלל און וואָס לעבט מיט דער זוכעניש פונעם וועג פאַר דער פאַרענטפערונג פון די פּראָבלעמען. ביי די באַדינגונגען האָט געקאָנט באַטראַכטן אַן אַלגעמיינער ציוניסט אין פּריוואַטע געשפּרעכן לעבנספראַגן פון יידישן פאָלק מיט אַ ציוניסט־סאָציאַליסט און בונדיסטן האָבן זיך מתוכח געווען מיט ציוניסטן־סאָציאַליסטן, ריין זאַכלעך און אָביעקטיוו יידישע און אַלגעמיינע אַרבעטער־פּראָבלעמען, אָן רוגזה און אָן פּערזענלעכער פאַרביסנקייט.

לובלין האָט זיך געדע..ט צו די פעסטונגען פון „בונד״ אין פּוילן — אָבער אין דער גלייכער צייט איז געווען די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט ציוניסטיש אינעם עצם באַנעם פון די לעבנס־פראַגן פון דעם יידישן פאָלק. דער איינפלוס פונעם ציוניסטישן געדאַנק איז געווען גרויס אויף דעם יידישן ישוב אין לובלין, טראָץ דעם, וואָס די וואַלן צום שטאָטראַט, אָדער קהלה האָבן באַוויזן, אַז דער „בונד״ האָט באַקומען פיל שטימען, אָדער אויך, אַז די אגודה איז אַרויס פון די וואלן מיט א פארהעלטנישמעסיק גרויסער צאָל מאַנדאַטן. אויף דעם אויסגאַנג פון די וואַלן האָבן געווירקט פאַרשידענע זייטיקע מאָמענטן. — ס׳איז נישט דער פּלאַץ דאָ זיך אָפּצושטעלן אויף זיי — וואָס האָבן גורם געווען די וואַל־רעזולטאַטן, ווי זיי זענען אַרויסגעקומען. אָבער דער פאַקט האָט נישט באַאיינפלוסט לגמרי די יידישע מאַסע, אויפצוגעבן, אָדער צו פאַרמינערן איר אויפריכטיקע און אינטימע באַציונג צו זייער האָפענונג און גלויבן אין דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם.

די דאָזיקע איינשטעלונג פון דעם דאָרטיקן יידישן ישוב איז געקומען צום אויסדרוק, סיי אינעם דראַנג צו עליה, אינעם פאַרנעם מיט וועלכן דער חלוצישער געדאַנק און די חלוצישע מעשים האָבן באַהערשט די יידישע יוגנט, אינעם דורשט פאַר יידישן וויסן, די „תרבות״־שולן און אין דער ברייטער טאָג־טעגלעכער אַרבעט, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן אין ציוניסטישן גייסט און אין דער באַטייליקונג און דער אַקטיוויטעט פאַר די ציוניסטישע פאָנדן, די אַלגעמיינע און פון אַרבעטנדן א״י.

## אַ רייך קאַפּיטל אין דער געשיכטע

לובלין האָט איר וויכטיקן און רייכן פּרק אין דער געשיכטע פונעם יידישן פאָלק בכלל און פון דעם פּוילישן יידנטום בפרט. דער יידישער ישוב אין לובלין פאַררעכנט זיך צו איינעם פון די עלטסטע אין פּוילן. אָבער נישט נאָר אין דעם ליגט זיין בכבודיקע באַזונדערקייט אַלס יידישער ישוב. ער האָט זיך אויסגעצייכנט ראשית־כל מיט זיין וועג, מיט זיין שאַפונג. דאָ זענען אַלע דורות געווען וויכטיקע אַנשטאַלטן פאַר לימוד; די „ישיבת חכמי לובלין״ האָט געווירקט ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דאָ זענען אויפגעקומען די מקורות פונעם געדאַנק פון יידישער אויטאָנאָמיע פון דעם יידישן פאָלק אין די גלות־לענדער. מיט קנאַפּע 400 יאָר צוריק האָט אָנגעהויבן צו באַראַטן און צו ווירקן אין לובלין דער „יידישער סיים״, דער „ועד ארבע הארצות״, וואָס האָט אַפילו אַ באַשטימטע צייט פאַרטרעטן יידישע ישובים אין 5 לענדער — ביז ליטע האָט זיך אָפּגעטיילט. אין דעם ועד זענען געווען פאַרטראָטן די יידישע ישובים אין קליין און גרויס־פּוילן, אין וואָלין, אין רוטעניע און אין גאַליציע. אין די שפּעטערע יאָרן האָט דער „סיים״ באַראַטן אויך אין יאַראָסלאַוו, דער גאַליצישער שטאָט, וואָס ליגט ביים טייך סאַן. דער „ועד ארבע הארצות״ איז געווען אין יענער צייט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין די דערמאָנטע לענדער, ווו ס׳האָט פאַקטיש געלעבט דער גרויסער רוב פונעם יידישן פאָלק, די העכסטע אינסטאַנץ אין דעם יידישן לעבן. זיינע באַשלוסן וועגן רעליגיעזן לעבן האָבן פאַרפליכטעט די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט, גלייך אַזוי ווי באַשלוסן אין וועלטלעכע פראַגן, בכלל אין אַלע פראַגן פון דעם יידישן לעבן. צו די פּרושים פון דעם „ועד ארבע הארצות״ האָבן זיך צוגעהערט אַפילו די יידן אין דייטשלאַנד.

אָבער גראָד אַזוי, ווי אין דער נייער צייט, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר אילוזאָריש אַלע „חלומות״ וועגן דער מעגלעכקייט פון אויפשטעלן אַן אויטאָנאָמען לעבן פון יידישע מאַסן אין די גלות־לענדער, אַזוי האָט אויך נישט אויסגעהאַלטן דער פּרווו אין יענע צייטן — דער „ועד ארבע הארצות״. ער האָט עקזיסטירט אַרום 200 יאָר, אָבער ער איז ליקווידירט געוואָרן, ווייל די מאַכט־אָרגאַנען האָבן נישט מסכים געווען מיט זיין ווייטערער עקזיסטענץ.

## אַ בולט אָרט
## אין דער מאַסן־אויסמאָרדונג

לובלין פאַרנעמט ליידער אויך אַ בולטן פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער מאַסן־אויסמאָרדונג פון דעם יידישן פאָלק אין אייראָפּע דורך די דייטשן און זייערע העלפער אויפן אָרט, אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. שוין אין 1940 האָבן די דייטשן דערקלערט, אַז לובלין און די סביבה אַרום וועט פאַרוואַנדלט ווערן כאילו אין אַ יידישן אויטאָנאָמען קרייז און האָבן אים אָנגערופן „דער יידישער רעזערוואַט״. דאָ וועלן לעבן — האָבן זיי געטענהט — יידן פריי אונטער אַ אויטאָנאָמער פאַרוואַלטונג און האָבן אָנגעהויבן, אונטער דעם דעקמאַנטל פון דער לאָזונג, איבערצופירן אַהער יידן פון פאַרשידענע געגנטן. צוערשט זענען געקומען די יידן פון טשעכאָסלאָוואַקיי, פון רוסלאַנד און אויך פּוילישע יידן פון אַנדערע געגנטן, די ערשטע וואָס זענען געקומען אין „רעזערוואַט״ האָבן ליידער געגלויבט אין די דייטשע דערקלערונגען און האָבן ערנסט געמיינט מיט דעם אָרגאַניזירן פון דאָס יידישע לעבן דאָרט. באַלד אָבער האָבן זיי זיך איבערצייגט ווי געוואַלטיק עס איז געווען זייער טעות. אנשטאָט אַרבעטס־פּלעצער זענען אויסגעבויט געוואָרן אַרום לובלין קרעמאַטאָריעס און גאַז־קאַמערן. אין דער סביבה אַרום לובלין זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אַ רייע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, פון וועלכע די אַמייסטן באַקאַנטע זענען: בעלזשעץ, מאַידאַנעק, טראַווניקי, פּאָניאַטאָוו.

„פּסח 1942 האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידירונג פון די יידן אין „גוווערנאַמענט״. די ערשטע זענען געווען די לובלינער יידן און באַלד דערנאָך אַלע פון לובלינער קרייז. מען האָט זיי אַרויסגעפירט קיין בעלזשעץ און דאָרט האָט מען זיי דערמאָרדעט אין די ניי אויסגעבויטע גאַז־קאַמערן״, דערציילט דער באַריכט פון דעם „יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט״, וואָס האָט געווירקט אין פּוילן אין אונטערגרונט, וואָס איז מיר צוגעשיקט געוואָרן קיין לאָנדאָן, ווו איך בין געווען טעטיק בעת דער מלחמה, אין נאָמען פון דער הסתדרות און דעם א״י־דיקן „ועד הצלה״.

מיט יידיש בלוט און הייליקן עפּר פון יידישע קרבנות, זענען אָנגעזאַפּט די וועלדער אין דער סביבה פון לובלין. א חוץ די נאָמענלאָזע מאַסן־קברים — און וועגן פיל קברים, האָבן מיר אַפילו נישט קיין ידיעות, ווו זיי געפינען זיך — איז פון די יידן אין לובלין כמעט גאָרנישט געבליבן. די פּאָר צענדליקער יידן, וואָס לעבן נאָך היינט אין לובלין, זענען אַפילו נישט קיין שאָטן פון דעם אַמאָליקן יידישן ישוב דאָרט.

געציילטע יידן, וואָס לעבן היינט צו טאָג אין לובלין מאַכן נאָך אָנשטרענגונגען אויפצוהאַלטן אַ יידיש לעבן. זאָל דאָס אָפּגעשאַצט ווערן ווי זיי פאַרדינען עס. נישט זייער שולד איז עס, וואָס די באַמיונגען, ווי גרויס און מיט וועלכער מסירות, זיי זאָלן נישט געמאַכט ווערן, זענען נישט בכוח אויפצוהאַלטן דאָרט אַ יידיש לעבן. לובלין, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין דער געשיכטע פון פּוילישן יידנטום, אין פּראָצעס פון זיין קאַמף און זיין שאַפונג — עקזיסטירט היינט נישט מער און וועט נישט מער עקזיסטירן.

אונדזער הייליקער מענטשלעכער און נאַציאָנאַלער חוב איז צו טאָן, וואָס מיר קאָנען טאָן, אַז דער זכר פונעם יידישן לובלין, פון די קרבנות פון אומקום זאָל נישט אָפּגעמעקט ווערן — אונדזער חוב איז, אז דער אָנדענק זאָל בלייבן הייליק פאַר די קומענדיקע דורות.

גראָד אַזוי ווי דער קאַמף און דאָס שאַפן פון דעם יידישן ישוב אין לובלין איז געקומען אַמבולטסטן צום אויסדרוק אין דער געמיינזאַמקייט פון קאַמף און אין שטרעבן פון גאַנצן פּוילישן יידנטום, אַזוי דאַרף די פאַראייביקונג פון דער פאַרגאַנגענהייט ברענגען צום אויסדרוק דעם זכר פון גאַנצן פּוילישן יידנטום, וואָס האָט געקעמפט, געליטן און געשאַפן במשך פון דורות אויף דער פּוילישער ערד.

---

## „נוסח לובלין״

(סוף פון זייט 4)

טויזנט יידן — צען מאָל אַזויפיל, וויפל ביים גירוש לובלין! — זענען די רעשטלעך יידן, וואָס זענען געבליבן לעבן, געפאַלן אויפן געדאַנק פון „נוסח־לובלין״. ערשט דעמאָלט האָבן זיי באַגריפן, אז לובלין איז געווען א פאַרשטופּע, אַן עקספּערימענט, וואָס נאָכן געלינגען, האָט מען אים געקאָנט אָנווענדן אויך אין אַנדערע מקומות, גרעסערע, ווו די מורא פאַר אַ ווידערשטאַנד פון יידן איז געווען גרעסער און די ריזיקע פון אַן אויסזידלונג געפערלעכער.

אויפן סמך פון דייטשע דאָקומענטן קאָנען מיר היינט שטודירן די ראָל פון לובלין אין דער דייטש־נאַציסטישער פּאָליטיק און טאַקטיק פון אומברענגען די יידן אין אייראָפּע. אין די דאָזיקע געהיימע דאָקומענטן, וואָס זענען דערגאַנגען צו אונדז נאָך דער מפּלה פון היטלערן, רעדט זיך וועגן אַלץ קלאָר און דייטלעך. פאַר דעם יידן פון דעמאָלט איז דאָס אָבער געווען אַ סוד, אַ סוד פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער, און פאַרן אַנטפּלעקן דעם סוד האָט ער באַצאָלט מיט זיין לעבן.

**ישראל עמיאט**
ניו־יאָרק

# אלט לובלין

1

וואָס איז עס פאַרט אַזוינס, וואָס ס׳שמידט צו זיך מיין בליק,
אוי, קויט און קויט און גראַטעס און צעבראָכענער שטיין,
מיין אָרעם פאָלק — דיין עבר וואָס איז פול געוויין
פלאַצט פון יעדן שטיין ארויס ווי פון א האלדז דערשטיקט.

געסלעך שמוץ, געשטאַנק און קלעפּיקייט — גענוג,
גענוג געזען דעם פּיין! איך וויל
דאָ פון די געסלעך ארויס... נאָר שטיל
רופט א קול ווי א טויבן־שטים: צוריק!

אָ, אַלט־לובלין! אַנטלויף איך דען פון דיר? דו יאָגסט מיך נאָך
און אין מיין צימער הער איך נאָך דיין בראָך,
דורות ווייטיק, שאנד און פּיין.

צי קען איך דען אנטלויפן? אז אין מיין בלוט
ברומט דער ניגון דער זעלביקער, דאָס ליד
וואָס פולט דיינע געסלעך אָן מיט אזא פאָרכטיקן געוויין!

2

ווי אַן איבערגעקערט אינגעווייד, ראָפּיק שוין אין בראנד
ליגסטו, געטאָ יידישער צופּיסנס פון לובלין.
„פאָרשטאָט קראָקעווער״ ווייס נישט וואָס מיט דיר צו טון,
איז אזוי פיל אָרעמקייט נאָך דאָ אין גאַנצן לאנד?

ביסטן איינגעבייט אויף פלייצע אירער — א לאַטע פון דער שאַנד,
א קין־צייכן לאָז זי טראָגן פון דיין שווארץ גזר־דין.
ווונדערלעך, ווי אומעטום גייט אויך דאָ אויף דער באגין,
נאָר איבער דיר פירן וואָלקנס אייביק א שווארצן בר־מינן.

מעגסטו שוין דורכגיין היינט דעם ברייטן יידן־טויער
נאָר דיר איז ליב נאָך אלץ דער פארשפּאָרטער טרויער,
א דערמאָנונג בלייבט ער אייביק, א פאראכטונג פארן פיינט.

אויף יאטעטשנע גאס איז אייביק ווי צו נעילה,
דער מהרש״ל־שולס קליינע פענצטער ווי אויגן ביי א תפילה
צום הימל אויפגעהויבן בעטנדיק פארוויינט.

3

סע פירן אלץ נאָך בוידן אין דער יידן־גאס פון לענדער פיר געקומען
אויף די גאסן האָבן מיך פרנסים אזוי טרויעריקלעך עמפּאנגען,
און סע גייט דער שמועס וועגן פדיון־שבויים, מע האָט יידן ווו געפאנגען
און סע גייט דער שמועס איבער גזירות וואָס לויערן און קומען.

ס׳איז אזש קראנק מיין קאָפּ. כ׳האָב אזויפיל צער ערשט דאָ פארנומען,
איז עמעץ נאָך א באַלבירער אין דער נאָענט געגאַנגען,
משה מונטאלמו וועט א רפואה מיר דערלאנגען,
ס׳איז פון ווייטיק פארטריקנט מיר דער גומען.

אָי! אַלט לובלין! ס׳וועלן זיך נאָך יאָרן אזוי ציען דיינע געשפּענסטער,
און כאָטש ערגעץ זינגט שוין דאָ ארויס א ראַדיאָ פון א פענצטער
א פלאכן טאנגאָ און סע זשומען איבער דיר אויך אעראָפּלאַנען —

וועט אייביק אין דער שקיעה פאר געניטן אויער
זיך טראָגן פון אונטער יאָרן־לאסט ס׳געוויין פון דורות טרויער
און יענע טונקעלע שרעק נישט פון דאַנען.

4

א פרימאָרגן אין בית־מדרשל פון „חוזה מלובלין״.
א בעקער שטייט ביים עמוד און יאָגט שנעל־שנעל צו מנין.
בעלי־מלאכות און סוחרימלעך, וואָס יאָגן זיך צו א קנין...
ווו לויפסטו, הארץ מיינס, פון דאנען — וווהין?

דיך יאָגט די ווירקלעכקייט, און ס׳איז דיר ליבער דער רואין.
פון אונטער חורבות זעסטו אָט די אלע הייליקע געשטאַלטן,
און די ווינקלען דאָ אין איטלעכן זענען זיי באַהאַלטן,
און דאָס ברומען זייערס — ווי א טויב אזוי נאָגנדיק דין!

ס׳האָט אָפּגעדאוונט דאָס געזינדל קרעמערס. זיי זענען שוין פארשווונדן
און אַ פלאָם אַזאַ האָט פלוצים העל זיך אָנגעצונדן,
אַזאַ פאָרכטיקע, אַזאַ איבערמענטשלעכע פרייד דאָ, —

דער חוזה מלובלין און די הייליקע חבריא,
און סע גליט דער פלאָם פון די תלמידים די געטרייע
אָט באַלד הערסטו דאָס קול פון „ייד הקדוש״, דיין גרויסן זיי״ן.

5

ווו איז די זון פאראן? איז ערגעץ דאָ א שטראַל
פאר אלע קעלערן פייכטע, וואָס זענען דאָ פארבליבן?
יינגע ארבעטער זינגען פון פרילינג און פון ליבן.
נאָך דער „כל נדרי״ וויינט ארויס פון „אינטערנאציאָנאַל״.

און סע גייט נאָך אלץ ארום געבויגן דער מהרש״ל,
ער האָט נאָר וואָס דעם עולם פון די געסלעך פארטריבן,
ווי דער פסוק זאָגט: „גיי מיין פאָלק אין די שטיבן.
ווארט ביז דער צאָרן מיידט דעם פיינטס אָנפאל״.

און אלע גלאָקן קלינגען אויס דעם זעלביקן באטייט.
פון אלע עקן שטראָמען פארכטיק פרומע לייט —
באַלד וועט א יידס גוף זיך קארטשען אין די פלאמען.

הער, הער, דער ווינט אין נאָענטן הויף:
אַן עלילת־דם חלילה, אָדער א „שילער־געלויף״,
אָדער גאָר זיי ביידע צוזאַמען...

6

וואלאכן טרויעריקע פון אלט־יידישע כלי־זמרים,
נאָך נאָגט אין האַרץ ביז געוויין דער טרויעריקער ניגון;
הונדערט יאָרן שוין אנטשוויגן און דאָך נאָך נישט אנטשוויגן —
פון יעדן שפּאַלט, פון יעדער וואנט צו הערן איצטער קלאָר אים.

אָ, פאָעט פון יענער צייט! איך גיי אום ביי דיין אָרעם
פון פארלאנגען ווילד גענאָגט, פון ווייטיקן באזיגן,
נאָר פון די געסלעך דאָ פירן אונדז די שטיגן
צום ווייטן, אומבאַקאַנטן טורעם.

אָ, ווער מען דען דעם צער פאַרטרויען, די ליבשאַפט צו פאַרהיטן?
ס׳זענען אַזוי אומעטיק דיינע שטילינקע פיוטים
און ס׳איז פול אין זיי דער דעמער און די שטערן.

א הארץ פארליבט־אנטוישטס, אין בלעטער פון סידורים,
פארטוישט אויף תחינות־קינות, א, יסורים
דיכטערישע, באפייכט מיט תפילהדיקע טרערן — —

7

## מהרש״ל־שול

עס איז אומעטום זיין גייסט פאראן פארכטיק פרום בצניעות
און די שטראָפרייד זיינע צום רמ״א פאר לערנען גאָר חקירה.
„איידער אזא אהבה איז שוין גלייכער דאָך מיראה״ —
די זון־ליכט זייט זיך דאָ אדורך ווי דורך צוגעלענטע וויעס.

איך בין אליין אצינד, נאָר א גערויש ווי א וויקלען פון רציעות.
די שכינה האָט געשיידט זיך מיט דער וועלט, זיך אויסגעוויילט איר דירה.
דאָס שארכן עס אין דער הייך די ווייסע פליגלען אירע
און זויגט דאָ פון דער שטילקייט טיף איר חיות.

ד״ר אלחנן האראוויץ

# וויפל יידן האבן געלעבט אין לובלין?

אין לובלין האָבן געלעבט אַ סך מער יידן, ווי מען האָט פאַרעפנטלעכט אויפן יסוד פון אָפיציעלע סטאַטיסטישע אנגאַבן.

נישט נאָר אין די צייטן, ווען מען האָט דורכגעפירט ציילונגען פון דער באַפעלקערונג, כדי צו נעמען „קאָפּ־שטייער״, האָבן אַ סך יידן — און אויך נישט־יידן — זיך אויסבאַהאַלטן פון די אָפיציעלע ציילונגען.

בדרך כלל האָבן יידן נישט ליב געהאַט, אַז מען זאָל זיי ציילן. מען האָט דאָס „גע־פרוווט דערקלערן מיט אן אלטן פחד פאר אן עין הרע, גזירות און מגיפות. און דעריבער דארף מען מיט רעזערוו, און פארדאכט באַטראַכטן אַלע פאַרעפנטלעכטע סטאַטיסטישע אנגאַבן בנוגע דער צאָל יידן אין לובלין.

עס זענען טאקע פאַראַן פארשידענע אפיציעלע סטאַטיסטישע אנגאבן בנוגע דער צאָל יידן אין לובלין. בעת די באַפעלקערונגס־ציילונגען אין פוילן האָבן מלוכה־באַאַמטע גע פלעגט צוזאַמענרעכענען די צאָל איינוווינער לויט דער „פרזשינאַלעזשנאָשטש״: אַ ייד האָט געמעגט געבוירן ווערן און אָפּלעבן זיין גאַנץ לעבן אין לובלין, אָבער אויב ער האָט נישט געענדערט זיין „פרזשינאַלעזשנאָשטש״ און זיין פאָטער, אָדער זיידע איז געווען „פרזשינאַלעזשני״ (געהערט אָפיציעל) צו אַן אַנדערע גמינע אָדער שטאָט, — איז ער גע־וואָרן באַטראַכט ווי אן איינוווינער פון יענער גמינע. אַזוי האָבן אין לובלין געלעבט אַ סך יידן, וועלכע זענען געווען אָפיציעל „פרזשינאַלעזשני״ צו אנדערע גמינעס, בעיקר צו קלענערע שטעט און שטעטלעך פון דער לובלינער גובערניע־וואָיעוואָדשאַפט.

פון דער אַנדערער זייט האָבן אין וואַרשע און אין אַנדערע שטעט געלעבט אַ סך לובלינער יידן, וואָס זענען געווען „פרזשינאַלעזשני״ צו לובלין.

נענטער צום אמת — אָבער אויך נישט אין גאַנצן געטריי — זענען געווען די פּאָליציי־אנגאַבן נאָכדעם ווי עס איז איינגעפירט גע־וואָרן די מעלדונג־שיטה: יעדער איינער, וואָס האָט נאָר איבערנעכטיקט אין לובלין, האָט געדאַרפט אויספילן א „מעלדע־צעטל״ פאר דער פּאָליציי אין שטאָטישן מאַגיס־טראַט.

אויפן יסוד פון די דאָזיקע מעלדע־צעטלען האָט דער לובלינער מאַגיסטראַט געמאַכט יערלעכע און אויך חודשלעכע בילאַנסן פון דער איינוווינער־באַוועגונג.

דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק, פאַר זיין עולה זיין קיין ארץ־ישראל, זיך פאַראינטערע־סירט אויך מיט די „ביולעטיני רוכו לודנאָש־טשי מיאַסטאַ לובלינאַ״ און קאָנסטאַטירט, אַז שוין דעם 1־טן אָקטאָבער 1930 איז די צאָל יידן, וועלכע האָבן פאַקטיש געלעבט אין לובלין — לויט די אָפיציעלע סטאַטיסטישע אנגאַבן פון לובלינער מאַגיסטראַט, וואָס האָט אויך גענומען שטייערן פון זיי – דערגאַנגען צו 46 טויזנט און 60 נפשות.

עס איז אָבער קיין שום ספק נישט פאראַן, אַז די פאקטישע צאָל יידן איז געווען גרע־סער, ווייל נישט אַלע יידן האָבן אויסגע־פילט די אָפיציעלע „פּאָליציי־צעטלען״, מיט וועלכע עס האָט זיך באַנוצט דער לובלינער מאַגיסטראַט.

לויט די אָפיציעלע ציפערן פון לובלינער מאַגיסטראַט איז די צאָל יידן אין לובלין געשטיגן אין די יאָרן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות דורכשניטלעך כמעט מיט טויזנט נפשות יערלעך. דאָס איז געווען נישט נאָר אַ נאַטירלעכער צוווּקס, נאָר אויך אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס מער יידן פון קליינע שטעטלעך אַרום לובלין זענען געקומען וווינען אין לובלין, ווי לובלינער יידן האָבן אויסגעוואַנדערט פון לובלין.

דעריבער קאָן מען קאָנסטאַטירן, אַז די צאָל יידן, וואָס האָבן פאַקטיש געלעבט אין לובלין אין יאָר 1939, איז דערגאנגען צו 55 טויזנט און מער.

לויט סטאַטיסטישע אנגאַבן פון פאַרשידענע אָפיציעלע מקורות איז די צאָל יידן אין לוב־לין געווען:

| אין יאָר | צאָל יידן | פראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג |
|---|---|---|
| 1550 | 840 | |
| 1602 | 2000 | |
| 1775 | 2466 | |
| 1787 | 4321 | 49.60% |
| 1824 | 6224 | 49.21% |
| 1827 | 6795 | 50.30% |
| 1856 | 8588 | 55.40% |
| 1857 | 8747 | 56.00% |
| 1862 | 10413 | 57.00% |
| 1863 | 11300 | 57.36% |
| 1868 | 11810 | 55.90% |
| 1871 | 12245 | 55.90% |
| 1883 | 18496 | 47.60% |
| 1897 | 23586 | 50.90% |
| 1899 | 27857 | 49.60% |
| 1910 | 33370 | 50.60% |
| 1921 | 37337 | 39.57% |
| 1925 | 41560 | 39.35% |
| 1926 | 42694 | 38.72% |
| 1927 | 43300 | 38.58% |
| 1928 | 44130 | 38.26% |
| 1930 | 46060 | 38.26% |
| 1939 | 55000 | 38.70% |

צפורה ויסלפיש—דסהל

# לי קבר כזה אין

שח לי חבר
בארשת פנים רצינית:
חודש אלול הגיע,
ועלי, על קבר אמי לעלות.
חרש הקשבתי לדבריו,
הרהורים אפפוני.
מחשבותי נדדו למרחב
לאמי, לכל יקירי הביאוני.
איה קבר אמי?
זה שעל אדמה הקטן,
חלקה השווה לכל איש,
משכן כבוד־לעצמותיו הניתן?
לעלות למקום הזה הקדוש
פרח עליו להניח!
פנים בעפר לכבוש,
דומם להתיחד לשיח.
לי קבר כזה אין,
גם יום יציאת נשמה לא ידוע,
לדעת זאת לי מנין,
כשנשמותיהם מהם הוציאו
בשיטה הזועקת לשמים
ללא למה? ומדוע?
בגזים חנקום וגופיהם לאש
הכבשנים נזרקו ללא מצור.
הנוגש בכל זדונות השטן השתמש,
סביב אש זו רקד, מנצחונותיו שיכור.
או אמי! אוי יקירי! או אבי יקירי!
דרך אלפי מילין, מחשבתי אליכם נודדת.
את קברכם המשותף יוצרת בדמיוני,
עם כל ישותכם מתיחדת.

---

איך וואָלט שווערן: כ׳בין געווען שוין ווען מיט הונדערט יאָר צוריק,
ווייל ס׳איז אזוי באקאנט מיר אלץ דער ווייטיקלעכער גליק,
וואָס רוישט ווי אלטער וויין אין אן אונטערערדישן קעלטער.

כ׳האָב מיט אלע דורות דאָ געלעבט, וואָס זענען שוין פארגאנגען;
ס׳איז אלץ דאָ אלט יאָרהונדערטער שוין גאָרנישט צום דערמאנען;
נאָר מיין זעל איז עלטער, עלטער, עלטער — — —

8

אונטן דאָרט וווינט דער בית הקברות־שמש, א כאטקעלע ווי קליין!
און אינעווייניק ליגט אונטער א פערענע אן ציך דער קברות־מאן קראנק.
ס׳האָט דער בית־הקברות־טויער קיין מת נישט אָנגעקוקט שוין לאַנג
און א פרוטה פון א גאסט שוין לאַנגע טעג נישט אָנגעזען.

ליגט ער, הוסט ער. ער האָט א „מעבר יבק״ אין ספרים־שענקל שטיין.
ער וואָלט די קברים וויזן פאר א קליין געשאַנק,
נאָר מאך, אז ס׳זענען זיינע פיס שוין בלא, געשוואלן קראנק,
און באַווייז כאָטש מיט א נס אויפן בארג צו גיין.

שיקט ער מיט זיין אייניקל, א ייַנגעלע דרייצן יאָר שוין אלט:
ער ווייס פון מהר״ם, ר׳ שכנא און מהרש״ל
און אלע קדושים־קברים — א פירער אין דער נויט!

ער ווייס אויך די „פרנסים־שורה״־קלאָר און פלינק צו ווייזן
און געדענקט דעם זיידנס אלע דאטע־גרייזן —
„ר׳ ייד, גיט אויף א שטיקל ברויט!״

9

## אלטער בית-החיים

אָ, דורות פיין אין בארג פאַרקוועטשט — אַ שפּיציקער געשוויר,
פון בלוט און אייטער הארט, אלט בית־עלמין אין לובלין!
ס׳לייגט דער פרילינג פלאסטערלעך, גרעזעלעך פון גרין,
נאָר דער געשוויר ווערט הארטער נאָך — אָט זיצט ער שוין ביי מיר

בין איך ווילד פון וויי, פארבלאנדזש איך צו א טיר,
אפטייק. די אפטייקערין אין ווייסן אָנגעטין,
שמינקט די ליפן און ברומט א וואלץ פון ווין.
„ס׳וועט פאָגאדע זיין?״ — א ראנדעווו ביי איר!

— אוודאי גאסט א טוריסט. האָב איך וואָס געזען?
דאָס הויז פון ווינצענטי פאל וואָס שטייט שוין דאָ זייט ווען,
דעם „טויער קראקעווער״ פון גאָר א וויטן דור?

פון יאָרהונדערטער א שטאָט! נאָר ס׳איז פרילינג אין לובלין.
די אַפּטייקערין ברומט אַ וואַלץ פון ווין
און גלייכט אין שפּיגעלע זיך די בלאָנדע האָר —

10

## קריסטלעכע אלט-שטאָט

יאָרהונדערטער דרימלען ביי די טראטוארן,
זיי טרינקען וויין און זענען פול מיט סוד,
אַלכעמיע; טייוול צונויפגעפּאָרט מיט גאָט.
און די הערצער האלטן אין איין גארן.

אין די אויגן — חכמה פון גענארן:
— דער שטערן זאָגט: טויט איז אויף דיין טראט.
— כ׳צאַפּ וויין פון וואַנט און שיכור כ׳ווער ווי לוט...
אין אלע ווינקלען לויערן געפארן.

וויין, מיין לירע! פון סטרונעס רינט מיט דעמער,
פארשייטקייט רייסט זיך: נעם מיך, נעם מיך,
„איין מערכען אויס אלטער צייט פארגעסן״...

דאן־זשואן טראָגט זיין ליבסטע דורך אַ פענצטער,
פּיסטוילן־קנאַל, יאָגן רייטערס אין געשפענסטער.
וויין, מיין לירע! טויט איז די פרינצעסן!

לובלין 1937.

אדוו. מנחם (זאקאלאק) פלדי

# בית לובלין — א פאראייביקונגס־מאנומענט פאר די קדושי מיידאנעק

מיט אייניקע יאר צוריק האט דער מחבר פון דעם ארטיקל געווארפן א געדאנק: אויפשטעלן א מאנומענטאלן בנין צום אנדענק פון די קדושי לובלין און מיידאנעק.

דער דאזיקער געדאנק וועגן אויפשטעלן א בית־לובלין איז נישט מער קיין „סוד כמוס” פאר אויסדערוויילטע יחידים. דער דאזיקער פלאן איז אומצאליקע מאל באהאנדלט געווארן אויף די זיצונגען פון צענטראל קאמיטעט פון ארגון יוצאי לובלין אין ישראל און איז אויך זוכה געווען באטראכט צו ווערן דורך די פארשטייער פון די לאנדסמאנשאפטן אין חוץ לארץ. הגם די פרטים פון דעם פלאן זענען ביז איצט נאך נישט פארעפנטלעכט געווארן, איז ער באקאנט אין אלגעמיינע שטריכן אונדזערע לאנדסמאנשאפטן אין די פאראייניקטע שטאטן, קאנאדע, דרום־אמעריקע, פראנקרייך און אנדערע לענדער.

אין פארגאנגענעם יאר איז דער פלאן וועגן אויפשטעלן א בית־לובלין אין ישראל ארומגערעדט געווארן מיט א רייע לובלינער פערזענלעכקייטן פון חוץ ל־ארץ, וועלכע האבן באזוכט ישראל אין פארשידענע אנגעלעגנהייטן. דער דאזיקער געדאנק האט ביי אלעמען ארויסגערופן די טיפסטע פארשטענדעניש און התלהבות. אייניקע לובלינער האבן אפילו אויסגעדריקט זייער גרייטקייט צו געבן אן ערנסטע פינאנסיעלע באשטייערונג, כדי צו פארווירקלעכן דעם דאזיקן פלאן.



אלגעמיין בילד פון מאנומענטאלן טייל פון „בית לובלין” און פון די צוויי הייזער אין הינטערגרונט, אין וועלכע עס דארף זיין א „בית אבות”.

דער פראיעקט איז געצייכנט געווארן דורכן לובלינער ארכיטעקט שריפט.

## דער פארנעם איז אפהענגיק פון די פינאנסיעלע מיטלען

די טעכניש־פאכמענישע זייט פון בית־לובלין איז נאך נישט אויסגעארבעט געווארן אין אלע פרטים. דאס איז אן ענין פאר ארכיטעקטן און אינזשינערן. עס איז קלאר, אז דער פארנעם פון „בית לובלין” איז אפהענגיק פון די מאטעריעלע מיטלען, וועלכע עס וועט געלינגען צו מאביליזירן צווישן אונדזערע לאנדסלייט אין ישראל און חוץ לארץ.

מיט בויען דעם „בית לובלין” אין ישראל ווילן מיר אויפשטעלן א מצבה פאר דור דורות, כדי צו פאראייביקן דעם אנדענק פון לובלינער יידנטום און דער סביבה, וואס איז פארניכטעט געווארן אויף אן אכזריותדיקן אופן אין די יארן 1939—1945 און פאר אלע קדושי מיידאנעק, וואס זענען אומגעקומען אין דעם פארניכטונגס־לאגער.

מיר זאגן: אויב שוין א „בית לובלין” זאל דאס זיין א פרעכטיקער בנין, א מוסטערהאפטע אנדענק־מצבה, מיט וועלכער מיר אלע זאלן קענען זיין שטאלץ. דער דאזיקער מאנומענט דארף ארומנעמען אלע היסטארישע ווערטן, וואס זענען פארבונדן מיטן לובלינער יידנטום און זיין פארגאנגענהייט. ער דארף זיין אן אפשפיגלונג פון אלע מוסדות, ארגאניזאציעס, געזעלשאפטן און פון דעם גרויסן גייסטיקן און קולטורעלן לעבן פון דעם 50 טויזנט קעפיקן ישוב.

צי געדענקט איר מיינע פריינט דעם זאל אין דער ישיבה „חכמי לובלין” מיט דער מיניאטורער קונסט־רעקאנסטרוקציע פון בית המקדש?

אין דער ריכטונג גייט אונדזער געדאנק, אויב מיר וועלן אים קענען פארווירקלעכן. מיר ווילן, אז דער „בית לובלין” זאל אנטהאלטן מיניאטור־מאדעלן פון דער ישיבת „חכמי לובלין” און די בארימטע בתי הכנסת פון מרש״ל, מהר״ם און אנדערע. פון שולן, פילאנטראפישע מוסדות, בית העלמין א. א. וו.

„בית לובלין” דארף אנטהאלטן א יזכור־זאל מיט מארמאר־ווענט, אויף וועלכע עס וועלן זיין אויסגעקריצט די נעמען פון די טייערע עלטערן, שוועסטער און ברידער, קינדער און נאענטע משפחה־מיטגלידער, וועלכע זענען אומגעקומען. מיר ווילן, אז דער „בית לובלין” זאל זיין א טרעף־פונקט פאר אלע אונדזערע לאנדסלייט פון לאנד און אויסלאנד, א צענטער פאר קולטורעלער און געזעלשאפטלעכער טעטיקייט, אן ארט פון וועלכן עס וועט קומען הילף פאר נויטבאדערפטיקע.

## אם תרצו...

דער געדאנק איז לויט אונדזער מיינונג א רעאליסטישער און מיר זענען איבערצייגט, אז ער וועט געפינען א ווארעמען אפקלאנג ביי טויזנטער לובלינער אין דער גאנצער וועלט. אלע ווילן דאס, אלע אן אויסנאם זענען איבערצייגט, אז אזא מאנומענט צו פאראייביקן אונדזערע קדושים דארף געשאפן ווערן אין ישראל. אנדערע לאנדסמאנשאפטן אין ישראל האבן דאס שוין געטאן אויף פארשידענע אופנים. זיי האבן געפונען די מיטלען צו פאראייביקן די קדושים פון זייערע קהילות.

מיר זענען איבערצייגט, אז מיט ב־שותפותדיקע כוחות וועלן מיר קאנען צוטרעטן צו דער פארווירקלעכונג פון דעם פלאן. מיר גלויבן, אז ס׳וועלן זיך געפינען נדבנים מיט פינאנסיעלע מעגלעכקייטן און מיט א ווארעם הארץ, וואס וועלן העלפן אויפשטעלן דעם בית לובלין. די פארווירקלעכונג פון דעם פלאן ליגט אין אונדזערע הענט. ליבע פריינט, אויב איר וועט וועלן וועט אנטשטיין אין ישראל א „בית לובלין”.




פראיעקטירטער האל פארן אריינגאנג אין מוזעאום און יזכור־זאל אין בית־לובלין.

אידא גליקשטיין

# מיידאַן טאַטאַרסקי

צוואַנציק יאָר זענען פאַריבער זינט דעם 9־טן נאָוועמבער 1942־ער יאָר, דעם טאָג, ווען ס׳האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן די די לובלינער קהלה.

צוואַנציק יאָר זענען פאַריבער, אָבער די דאָזיקע יאָרן האָבן נישט געקאָנט פאַרווישן אין מיין זכרון אַפילו איין בילד פון יענע טעג.

דאָס ווערק פון פאַרניכטן די לובלינער יידן האָבן די דייטשן אָנגעהויבן שוין אין אָנהייב 1942־טן יאָר. פאַרשידענע עקשנותדיקע קלאַנגען זענען אַרומגעגאַנגען אין יידישן קוואַרטאַל — וועגן אַ גרויסן געטאָ און אַ קליינעם געטאָ, וועגן אַ געטאָ פאַר אויסדערוויילטע און א געטאָ פאַר די נעבעכדיקסטע פון די פאַריער, וועלכע מיר זענען אַלע דאַן געווען. מען האָט דאַן איבערגעגעבן, אַז בלויז 14 טויזנט יידן דאַרפן איבערבלייבן אין לובלין, אַנדערע האָבן געטענהט, אַז נאָר 8 טויזנט.

אין פרילינג האָבן זיך אָנגעהויבן די אַקציעס, איינע נאָך דער אַנדערער, וואָס אַמאָל אַלץ גרויליקער, אָן אַן איבעררייס נישט אין די זונטיקס און נישט אין די ימים טובים. אפילו בעת דער קאַטוילישער פאַסכא האָט אָנגעהאַלטן די אַקציע. די היטלערישע פאַרניכטונגס־מאַשין האָט געאַרבעט אויף דער גאַנצער פאַרע. בייטאָג און ביינאַכט אָבלאַוועס. אויף יעדן אָרט און יעדע שעה האָט אונדז געפאַקט די ברוטאַלע פויסט פון די עס־עסאָווצעס.

אין דער ערשטער העלפט אַפּריל איז די לאַגע געוואָרן קלאָר. רעכט צו לעבן וועלן האָבן נאָר די יעניקע יידן, וועלכע וועלן באַקומען לעגיטימאַציעס מיטן אות „יאָט" און זיי וועלן איבערגעזידלט ווערן אין דאָרפישן ישוב, וואָס ליגט ביים שאָסיי לובלין—פּיאַסקי, קיין מיידאַן טאַטאַרסקי. מיידאַנעק איז געווען אַזוי נאָענט, אַז מיטן הוילן אויג האָט מען געזען דעם רויך פון זיינע קרעמאַטאָריע־אויוונס.

די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן געוווינט אין מיידאַן טאַטאַרסקי, וועלן איבערגעזידלט ווערן אין אונדזערע פאַרלאָזענע וווינונגען, און מיר וועלן פאַרנעמען זייערע פאַרטערהייזלעך. „אָרדענונג" — דער באַרימטער דעוויז פון דייטשן פאָלק. אויך איצט האָבן זיי געוואָלט, אַז אַלץ זאָל פאַרקומען פּלאַנמעסיק, אין אָרדענונג! דעם ערשטן טאָג האָבן זיך געדאַרפט אַריבערציען די באַאַמטע פון דער גמינע און פון דער סאַניטאַרער קאָמיסיע; דעם צווייטן טאָג — די יידן, וואָס אַרבעטן אויף דייטשע פּונקטן, דעם דריטן טאָג — די איבעריקע, טאַקע — די דאָזיקע איבעריקע! דאָס איז געווען אַ פּראָבלעם נישט צום לעזן

דאָס זענען געווען יידן, וועלכע האָבן שוין נישט געהאַט קיין רעכט אפילו אויף נעבעכדיקער וועגעטאַציע הינטער די שטעכלדיקע דראָטן פון געטאָ. דאָס זענען געווען יידן, וועלכע האָבן טראָץ דעם געזעץ און טראָץ דער האָפענונג ווייטער געלעבט, אויסבאַהאַלטנדיק זיך בעת די אָבלאַוועס און „לאַפּאַנקעס" (כאַפּונגען). יידן, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין „יאָט".

די היטלעריסטן האָבן אַרויסגעגעבן נאָר 2000 (צוויי טויזנט) „יאָטן", לעגיטימאַציע מיט אַ מגן־דוד און אַ גרויסן שוואַרצן אות J (יודע).

די איבעריקע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין „יאָטן" האָבן געשטערט די דייטשע אָרדענונג, די דאָזיקע איבעריקע מענטשן האָבן זיך געלאָזט קיין מיידאַן־טאַטאַרחקי טראָץ די פאַרשריפטן. זיי האָבן זיך געקלאַמערט אין לעבן, געקעמפט פאַר אים ביזן לעצטן אָטעם־צוג, ביזן לעצטן טראָפּן בלוט אין די אָדערן.

פרייטיק, דער 17־טער אַפּריל 1942 איז באַשטימט געוואָרן אַלס דער ערשטער טאָג פאַר דער אויסזידלונג. שוין פון באַגינען האָבן גערירט פורלעך פון די גאַסן לובאַרטאָווסקאַ, קאַוואַלסקאַ, גראָדזקאַ, נאַדסטאַוונאַ, אָנגעלאָדענע מיט נעבעכדיקע רעשטלעך מעבל און בעטגעוואַנט, וואָס עס זענען איבערגעבליבן נאָך די פּילמאָליקע היטלערישע רויבערייען.

גלייכצייטיק האָבן זיך אַרויסגעצויגן די פּאָליאַקן פון מיידאַן טאַטאַרסקי, אויך זיי האָבן געקלאָגט און געקריצט מיט די ציין. דאָס זענען מערסטנס געווען אַרבעטער פון די אַוויאַציע־אונטערנעמונגען פּלאַגע־לאַשקעוויטש, וועלכע האָבן אַליין אויפגעבויט זייערע הייזלעך, אַליין פאַרפלאַנצט יעדעס ביימל אין גערטל און איצט געמוזט עס פאַרלאָזן און פאַר וועמען? — פאַר יידן! איך האָב געזען אויף זייערע וועגענער ביימלעך, אויסגעריסענע מיטן וואָרצל, זיי האָבן עס נישט געוואָלט איבערלאָזן פאַר די יידן. האָבן זיך נישט אָריענטירט, אַז די איבערזידלונג איז נאָר איינס פון די מיטלען גיכער צו פאַרניכטן אונדז, ווייל אין די הייזער פון דער שטאָט וואָלט מען זיך געקאָנט לייכטער אויסבאַהאַלטן ווי אין די דאָרפישע כאַטעס.

ביים טויער פון מיידאַן טאַטאַרסקי, וואָס איז שוין אין צווישנצייט אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ טאָפּלטער ריי סלופּעס, פּאַראַייניקטע מיט שטעכל־דראָט, האָט קיינער נישט קאָנטראָלירט צי מען האָט אַ „יאָט" אָדער נישט. מ׳האָט אַריינגעלאָזט אַלעמען.

די גמינע האָט צוגעטיילט וווינונגען נאָר באַזיצערס פון „יאָטן", די איבעריקע האָבן פאַרנומען שטעלכלעך, קעמערלעך און פאַרשידענע אַנדערע לעכער. אַ סך משפחות האָבן גענעכטיקט אונטערן הוילן הימל. אויך אין דער וווינונג פון אַ „יאָט"־באַזיצער איז געווען אַן אומגעהויערע ענגשאַפט, ווייל מ׳האָט אַריינגעלאָזט אויך משפחה־מיטגלידער אָדער פריינט, וועלכע האָבן נישט באַקומען קיין „יאָט". אין מיידאַן טאַטאַרסקי איז געווען אָרט פאַר 2000 (צוויי טויזנט) מענטשן און דאָרט האָבן זיך גענעסטיקט 8000 נפשות.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן א ניי לעבן אין מיידאַן טאַטאַרסקי, אין „מוסטער־געטאָ", ווי די היטלעריסטן האָבן עס ליב געהאַט אָנצורופן. משמעות, אַז די אָרטיקע געסטאַפּאָ איז געווען שטאָלץ פון איר איינפאַל. דאָס איז געווען אַן עקספּערימענט, וועלכן מ׳האָט געדאַרפט נאָכטאָן אין גאַנץ פּוילן.

כ׳האָב זיך אויסגעדריקט „אַ ניי לעבן" – גיכער אַ נייע וועגעטאַציע פון איין טאָג אויפן צווייטן, אין אומזיכערקייט און אין שרעק, אין יאוש און אין צער, אין דערנידעריקונג פון מענטשן, וואָס זענען געשטעלט געוואָרן אויסערן געזעץ.

## די אַפּריל־אַקציע

דער ערשטער שבת אין מיידאן טאַטאַרסקי איז דורך רואיק. די מענטשן האָבן פּאַנאַנדערגעפּאַקט די פּעקלעך, צעשטעלט די ביסלעך אָרעם מעבל — „האָבן זיך איינגעאָרדנט".

דאָס „אַריבערציען זיך" האָט געדאַרפט דויערן דריי טעג, אָבער אַלע ווי איינער האָבן זיך אַריבערגעטראָגן שוין דעם ערשטן טאָג. ס׳איז געווען אומאַנגענעם צו בלייבן אין אויסגעליידיקטן געטאָ.

די פּאָליאַקן האָבן זיך אַריינגעצויגן, דייטשן און אוקראַאינער האָבן אַרויסגעפירט אַלץ, וואָס האָט געהאַט ווערט, דעקעלעמענטן האָבן געזוכט פאַרבאַהאַלטענע „יידישע אוצרות".

זונטיק, דעם 19־טן אַפּריל האָבן זיך דורכגעטראָגן קלאַנגען, אַז ס׳וועלן אויפגעבויט ווערן באַראַקן פאַר די וואָס האָבן נישט קיין דירות. אַ נייע האָפענונג און פרייד!

ווי לייכטגלויביק מיר זענען געווען! אַזויפיל מאָל אָפּגענאַרטע האָבן מיר זיך געלאָזט כסדר ווידער אָפּנאַרן. לייכטגלויביקייט פון ערלעכע מענטשן! נאָך דריי יאָר פון רדיפות האָבן מיר זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז זיי ווילן אונדז פאַרטיליקן ביזן לעצטן. מיר האָבן נאָך נישט געגלויבט דערין.

ובכן דעם דאָזיקן זונטיק זענען מיר געווען פול מיט האָפענונג.

ס׳איז נאָך נישט צום ערגסטן.

די דייטשן וועלן שוין אונדז לאָזן צורו און מען וועט דערלעבן די ענדע קריג.

ס׳איז דערשינען אַ פאַראָרדענונג פון דער גמינע וועגן אַ רעגיסטראַציע פון דער באַפעלקערונג, וואָס וועט דורכגעפירט ווערן אין דער נאַכט פון זונטיק אויף מאָנטיק, דעם 20־טן אַפּריל. קיינער זאָל נישט אַרויסדרייען זיך פון דער רעגיסטראַציע, ווייל ער וועט בלייבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

ביינאַכט האָבן זיך אַרויסגעלאָזט די מענטשן פון דער קולטוס־געמיינדע און פון וווינונגס־דינסט איבער די כאַטעס, אויפגעוועקט אַלעמען, אַריינגעבליקט אין אַלע ווינקעלעך, אויף די בוידעמער און אין די קעלערס, אַרויסגעשלעפּט די וואָס צוליב אומגלויבן האָבן זיי זיך געוואָלט פאַרבאַהאַלטן.

דינסטיק 6 אַזייגער אין דער פרי איז דאָס געטאָ אין מיידאַן טאַטאַרסקי געוואָרן אַרומגערינגלט מיט אַ געדיכטער קייט פון אוקראַינער און אין איבער געסלעך האָבן זיך דורכגעטראָגן די רופן פון די יידישע פּאָליציאַנטן, אַז אַלע זאָלן אַרויסגיין אויסער די דראָטן, אויף אַ ריזיקן פּלאַץ, מען דאַרף זיך נאָר צונויפזאַמלען, ווייל די רעגיסטראַציע פון דער פאַריקער נאַכט האָט נישט געגעבן דעם געוווּנטשענעם רעזולטאַט און די דייטשן ווילן אַליין איבערציילן וויפל מענטשן זענען פאַראַן אין וווינונגען, וויפל באַראַקן מען דאַרף אויפבויען.

ס׳זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז אַמזיכערסטן איז אַ גוטע באַהעלטעניש, אָבער זיי זענען געווען אַ הייפל. די אַלע אַנדערע האָבן זיך געשטעלט אויפן פּלאַץ.

## דער סעלעקציע־פּלאַץ

דעם דאָזיקן ריזיקן פּלאַץ, אויף וועלכן ס׳זענען פאַרגעקומען אַלע אַקציעס, זע איך

(המשך אויף זייט 11)

לובלינער יידן ווערן אויסגעזידלט אין מיידאַן טאַטאַרסקי



# טילים למצרים ותזמורת לגרמניה

## מכתב למר אורי קיסרי

אנו נותנים כאן מקום לתשובתו של חברנו א. איינשטיין למאמרו של מר אורי קיסרי שנדפס ב„הארץ" ביום 26.10 ובו הוא מתרעם על ביטול הנסיעה של התזמורת הקמרית הרמת־גנית לגרמניה, ועל שלילת הנאה מוסיקלית מהגרמנים.

המערכת

מר קיסרי הנכבד!

מאמרך ב„הארץ" מיום 26.10.62 תחת הכותרת „ישראל היא רק חלק מהעולם" ששמך מתנוסס עליו, הביא אותי במבוכה והשרה עלי עגמה רבה וצער על מסקנותיך.

אם ככה פני הדברים „אם בארזים נפלה שלהבת מה יעשו עזובי קיר" אם עתונאי ואיש צבור משעור קומתך השולט כה היטב במיתרי הרגש ושבילי הלב — המובילים בקו ישר למוח נהירים לך, אתה שיש לך גישה כה רגשית בענינים שבינו לבינה ואפילו בענין של הריסת בנין רעוע שיש לו ערך סנטימנטלי, יודע אתה להפעיל את כל נימי הרגש נגד הריסתו אם כי ההגיון מחייב את ההיפך, ודוקא בענין כה חמור וטרגי כגון אנחנו והגרמנים — אתה דורש שנהיה מפוכחים וריאליים.

במאמרך אתה כותב שאין אתה מטיף לא לסליחה ולא לשכחה ובכן אז לפיכך המסקנה ההגיונית היא שליחת תזמורת לגרמניה?

במאמרך אתה שואל אם אין אנו מודאגים לעתיד בנינו ושוב מסקנתי היא הפוכה מזו שלך, דוקא משום שאנו דואגים לעתיד בנינו חייבים אנו למנוע למען שלא ישאלו אותנו בנינו — אבא האם 17 שנה אחרי זועות הגרמנים 17 שנה אחרי שנכבו אחרוני להבות הכבשנים אנו שולחים לגרמניה תזמורת שתנגן לפני המרצחים, איפוא כבודנו, איפוא הכבוד הלאומי שלנו? לידיעתך מר קיסרי, כבוד לאומי — בלא עטיפה שוביניסטית — הוא לא מצרך אבסטרקטי אלא — לגבינו — המוקפים אויבים הוא נכס בטחוני רב ערך שיש לטפח אותו, ואוי לה לאומה המאבדת את כבודה, כושר התגוננותה מתנוון ללא תקנה, וגאה אני על עמידתם האמיצה של הסטודנטים שלנו בקבלם בצוננים את קבוצת הסטודנטים הגרמניים והטיחו בפניהם מה שהטיחו. באמת לשם מה הם באים אלינו ומבקשים שנפגש אתם ביודעם שנוכחותם מעוררת בנו זכרונות מרים. התפעלותם שכאן הם מוצאים טיפוס יהודי שונה לגמרי מאלה שהם מכירים בארצם, טענה זו מעוררת סלידה, יוצא כאילו שהיהודים ההם היו ראויים לגורלם המר. הגנתם היחידה של הצעירים האלה היא שהם היו תינוקות בעריסה בעת השואה, ניחא, אבל הם חוזרים לשולחנות הוריהם שהשתתפו בזוועות האלה.

גם הגנה זו אינה הגנה טוטלית, זה ראינו השבוע בחיפה, „כשתינוק" כזה קצין ימי גרמני הביע בפומבי את תקותו (שים לב במדינת ישראל) שנאצר יסיים זה מה שהיטלר לא הספיק. אני מוכן לקבל את טענתו שהיה שכור לולא זה בודאי היה זוכר שדעות מסוג זה אפשר להביע עדיין ללא פחד במרתפי הבירה בגרמניה ובישראל יש סכנה לצאת מעסק כזה עם גולגולת שבורה. אבל היות והיה שכור אז הלשון שחררה את המחשבה מוטב איפוא להפנות את הסטודנטים הגרמנים המחפשים דרך לתקן את העוול — ללבותיהם של הגרמנים הצעירים מסוגו של הקצין הימי הגרמני ולא להשלות אותם שעל ידי בקור בקבוץ ותמורת השתתפותם בחליבה ברפת תל־קציר נשכח את הזוועות של הוריהם.

מר קיסרי אתה מתריע נגד העוול שנגרם לצעירים האלה שלא אפשרנו להם להקשיב לאמני הקשת והנשיפה של התזמורת הרמת־גנית ואינך רואה את העוול שהיה נגרם ע"י כך להרבה רבבות יהודים בארץ ובגולה, לו הצלילים האלה היו חוזרים אליהם על גלי האתר והיו מכסים את פניהם מבושה ולבותיהם היו מתכוצים מחרפה. וייאמר כאן לשבחו של ראש עירית רמת־גן מר קריניצי שהודות לטיפולו הנמרץ והמהיר נמנע מאתנו חרפה זו.

אני יודע שהגרמנים הם עם שוחררי מרסיקה סוף סוף גדולי מלחיני אירופה נולדו על אדמתם, אמנם פורקו כבר התזמורות ממחנות ההשמדה שתפקידם היה להחריש את זעקת המעונים בדרכם האחרונה, יש להניח שנשארו להם עוד כמה תזמורות טובות, ואליהם יש להפנות את הרודולפים, ההנסים, הידויגות והאורסולות.

בודאי תסכים אתי מר קיסרי, שלא בתזמורת הרמת גנית חשקה נפשם של הגרמנים, אלא בהפגנה כלפי העולם, להורכיה, הנה תראו היהודים שכחו את העבר וסלחו לנו ודוקא זה היה עלינו למנוע מהם, ומעיז אני לומר שהתפייסות טוטלית נוגדת את האינטרסים של המדינה והעם. יש להשאיר אצלם את ההרגשת אשמה וההכרה שאנו זוכרים מה שהם עוללו לנו ולא סלחנו.

במאמרך אתה מזכיר את ענין תשלומים. מה בעצם היו השלומים? מתת חסד, כופר נפש או החזרת הגזל?

מדבריך שאני מצטט „הן לא יתכן לרתעלם גם מן הכסף עצמו שקיבלנו — אפילו נתרץ אותו כתשלום פצויים ולא תשלום כופר" (הדגשה שלי).

מניסוח גמיש ומוסווה זה מבצבצת דעתך שהשילומים הם דמי כופר, בשבילנו שאבדנו כל היקר לנו זה עלבון צורב וסטירת לחי לכל אלה שזכר קרבנותיהם יקר להם, ואוי לנו אם זו דעתו של עתונאי מכובד היושב בתוך עמו. וכאן מובנת החרדה שהביעו חוגים רחבים לפני הסכם השלומים שבמרוצת הזמן תשתרש הדעה שהשלומים היו כופר נפש.

נחזור נא קצת אחורנית ונסקור את ההיסטוריה של השילומים, איך זה התחיל עד שהתדרדרנו להחלפת משלחות מורים ומחנכים ושליחת תזמורות לגרמניה, כשהציבור בארץ ובגולה הזדעזע מתכנית השלומים הוסבר לנו מעל במת הכנסת ומבמות ציבוריות בערך כך. האם עלינו לתת פרס לרוצחים, ולהשאיר בידיהם את הרכוש שנגזל? זה היה נמוק משכנע ונוסף על כך, המדינה היתה עדיין בעריסה, הצרכים היו מרובים, הארץ היתה רעבה לסחורות, לחומרים בשביל החקלאות, בשביל התעשיה שהיתה בחיתוליה, וללא מלאי, גלויות התחסלו מאות אלפי יהודים רובם מחוסרי כל זרמו ארצה, היה צורך להאכילם, לדאוג לדיור ותעסוקה וצה"ל, פנינת העם, הזרוע הבטחונית של המדינה, היה צורך דחוף לדאוג לציודו ולחימושו. כל אלה והנמוק המשכנע שהזכרתי לעיל — ריככו את ההתנגדות האמוצאנלית לשלומים.

מאידך יותר „משהעגל רוצה לינוק הפרה רוצה להניק". הגרמנים היו זקוקים להסכם השלומים לא פחות ואף יותר מאתנו.

תנורי הכבשנים עדיין פלטו חום. זכר הזוועות בכל ארצות הכיבוש עדיין היה טרי. השם הגרמני היה שם נרדף בכל העולם. סולידריות המנצחים טרם נהרסה והגרמנים עדיין לא היו בני ברית במלחמה הקרה. הגרמנים היו זקוקים לאיזה זסטה כלפי קרבנותיהם בכדי לקבל תעודת כניסה ראשונה בין עמי העולם ובמיוחד לארצות הברית שלעזרתם היו זקוקים.

ובאמריקה יושבת אוכלוסיה יהודית גדולה — בעלת השפעה בדעת הקהל ובמשק הכספים, הסכם השלומים נתן להם תעודת כניסה זו ואל תשכח נא שהשלומים לא ניתנו במזומנים אלא בחומרים ובמוצרים שזה היה גורם רב משקי בשביל גרמניה דאז שעריה ותעשיתה היו חרבות למחצה, הספקת הסחורות במסגרת השלומים הניעו את גלגלי התעשיה הגרמנים ונתנה תעסוקה לרבבות מחוסרי עבודה. ומה היה היחס של השלומים לרכוש שנשדד בס"ה — שלושה אחוז. כל שודד נתפס היה מתפשר על הרבה יותר.

אתה מדבר על גרמניה אחרת שונה מזו של אתמול כעל עובדה שאין עליה עוררין. אנו היינו האופוסטולים בהפצת תורה כוזבת זו הבה ונבדוק איך זה נראה במציאות, מה הם חטאי גרמניה של היום? הדניציפיקציה התנהלה בעצלתיים ללא רצון ויותר למען כסות עינים משרדי הממשלה ומוסדות שונים שורצים אלפי נאצים רוצחים למיניהם והרבה מהם יושבים בצמרת. די להזכיר את מזכיר המדינה גלובקה שהיה אחד ממחברי חוקי הגזע ואתה בודאי יודע שחוקי הגזע הובילו בדרך חד סיטרית לכבשנים והפרופסור המכובד הזה למרות הלחץ והרעש עדיין מוסיף לשבת על כסאו הרם.

פושעים נאציים שהשתתפו ברצח מאות אלפים לא מובאים לדין ואלה המובאים יוצאים בעונשים קלים עד לגיחוך או פטורים מכל עונש מטעמים פורמליים, מתוך תביעה רשלנית או חוקי ההתישנות.

היד הקמוצה של גרמניה בתשלום פיצויים לקרבנות הרדיפות ובהערמת מגבלות וגזירות בדרכם, בו בזמן שלנאצים למיניהם משלמים ביד רחבה גמלאות ופנסיות.

סירובה העקשני של גרמניה לקשור אתנו יחסים דיפלומטיים מפחד שזה יזיק להם ביחסיהם עם הערבים, למרות הצער והבושה אנו המחזרים אחריהם והיה צריך להיות ההיפך.

ועכשיו כתר מעשיהם שליחת מומחים לייצור טילים והרכבתם — למצרים ומאות טכנאים לכל סוגי נשק, עזרה והדרכה בפתוח תעשיות כבדות וזה שוב נשק ביודעם היטב שכל זה מיועד לפי דברי נאצר „דרומית לבירות" כלומר ישראל. איולת, צינית ומעוררת סלידה היא טענתם שאין באפשרותם לאסור על מומים „פרטיים" מלנסוע למצרים. לו רק רצתה — יש בידי כל המדינה די אמצעים לכך — היתה יכולה לאסור את נסיעתם. קו ישיר מוביל ממיידאנק לקהיר, זו אותה המטרה רק בדרכים אחרות. זו תמונת גרמניה „האחרת" לגבינו. האם כל זה מר קיסרי את העבר וההווה אפשר לזרוק לסל השכחה, ולנקוט גישה ראליסטית?

מר קיסרי, אתה שיש לך חוטים סמויים לסיסמוגרף של לב האנוש כשמדובר בפרט, האם אינך רואה את טרגדית הכלל רד נא מהמכתבה, תבוא בין העם הנושא אבילות נצחית בלבו, תבקר בערבי יזכור הנערכים בחדשים אלה למאות על ידי שרידי הקהילות ותראה איך גברים נוקשים שהתנסו קשות בחיים — בוכים כתינוקות. תראה איך נשים 17 שנה אחרי השואה לא התייבש עדיין מעין הדמעות והצער, תסתכל בנשים אלה, כל אחת מהן היא בחזקת „רחל מבכה את בניה" המבכות את פרי בטנן שהוצאו מזרועותיהן וראשיהם נופצו בקיר ואז תוכל להעיד על עצמך עדות נוספת שאתה יכול לא רק להבין אלא גם להרגיש — ובטחוני שתשנה את גישתך ומסקנותיך.

בכל הכבוד

**אפרים איינשטיין**

---

### באַגריסונג פון פיליפ גראָסמאַן

אין מיין און מיין פרויס נאָמען באַגריסן מיר הארציק אונדזערע באַקאַנטע טוערס פון ארגון יוצאי לובלין בישראל פאַר זייער געוואגטער און וויכטיקער אינטערנעמונג ארויסצוגעבן אַן אייגענע צייטשריפט „לובלינער שטימע"

ווער קען אָפּשאַצן אזא נאָבעלע און וויכטיקע טעטיקייט פון דער לובלינער ארגאַניזאציע אין ישראל ארויסצוגעבן אַן אייגענע צייטשריפט געווידמעט בלויז לובלינער אנגעלעגנהייטן. דאָס וועט געוויס ארויסרופן אַן אומגעהויערן אינטערעס צווישן אלע לובלינער, וואָס געפינען זיך צעשפּרייט אין אלע עקן פון דער וועלט.

ס'איז צו האָפן, אז די צייטשריפט וועט ברענגען צו אַן ענגן קאָנטאַקט צווישן אלע עקזיסטירענדע לובלינער ארגאַניזאציעס אין אלע לענדער און וועט דינען פאַרשידענע צוועקן, באַזונדערס דעם ציל פון פאַרשפּרייטן דעם געדאַנק וועגן אויפשטעלן א מאַנומענטאַלן אנדענק פאַר דער לובלינער קהילה.

מיר דריקן אויס אונדזער ווונטש, אז אייער—אונדזער אונטערנעמונג זאָל האָבן א גרויסן דערפאָלג.

אייער

ניו־יאָרק — פיליפ און איידע גראָסמאַן

ד. שטאקפיש

# אין אומגעוואונטשענער אויסנאם

„לובלינער אין ישראל האבן נישט קיין מזל צו זייערע לאנדסלייט אין אויסלאנד" - אזא מיינונג הערשט ביי אונדזערע בני־עיר אין דער יידישער מדינה. ווירקלעך — זעלטן ווען א לאנדסמאנשאפט אין ישראל זאל זיין אזוי אפגעריסן, פארפרעמדט און דערווייטערט פון אירע שטעטישע אין דער גרויסער וועלט, ווי דאס האט פאסירט מיט די לובלינער. אפטמאל קומט אויס צו שעמען זיך, הלמאי טויזנטער און טויזנטער אונדזערע לאנדסלייט אין ביידע אמעריקעס און אין אייראפע, זענען לגמרי איזאלירט פון זייערע ברידער אין ישראל. קאנטאקטן צווישן היגע און אויסלענדישע לובלינער זענען יא פאראן, אבער נאר אויף משפחהדיקע און פערזענלעכע וועגן. דאקעגן די לאנדסמאנשאפטן און זייערע קאמיטעטן אלס אזעלכע האבן נישט כמעט קיין שום געזעלשאפטלעכע פארבינדונג מיטן אירגון יוצאי לובלין בישראל.

נישט איצט איז דאס ארט און די צייט צו אנאליזירן די סיבות פון דער דאזיקער פרעמדקייט. מיר ווילן נאר פעסטשטעלן דעם טרויעריקן פאקט, אז לובלין, די גרויסע רומפולע עיר ואם בישראל, איז אויף דעם געביט אן אויסנאם — און טאקע א שלעכטער און אומגעוואונטשענער אויסנאם.

די וואס זענען פון דער נאענט באקאנט מיטן לעבן פון די לאנדסמאנשאפטן אין ישראל ווייסן, אז אפילו קליינע ארגאניזאציעס (ווי קראשניק, ווישקאוו א"א) האבן א דאנק דער הילף פון זייערע שטעטישע אין אויסלאנד זיך אויפגעשטעלט אן אייגן הויז, געשאפן גוט־פונקציאנירנדיקע גמילות־חסדים קאסעס און אנדערע פארמען פון קעגנזייטיקער הילף. אויך איז אין דער גאנצער יידישער וועלט באוווסט „קרית ביאליסטוק" — א ספעציעלער ווין־קווארטאל פאר ביאליסטאקער אין ישראל, אויפגעשטעלט פאר די געלטער פון זייערע לאנדסלייט אין אמעריקע. בכלל האבן יידן פון אמאליקע שטעט און שטעטלעך אין פוילן, באוויזן, איבער גרענעצן און ימען, ארויסצווייזן זארג און אינטערעס פאר זייערע ברידער אין דער אלטער היים און אין דער אויפגעריכטער יידישער מדינה. א באזונדערס הערלעך קאפיטל פון פארשטענדעניש און צוזאמענארבעט צווישן לאנדסלייט אין ישראל און אין אויסלאנד איז דאס ארויסגעבן יזכור־ביכער. פון חוץ־לארץ האט מען צוגעשטעלט געלט־מיטלען און מאטעריאלן, בעת אין לאנד האט מען רעדאגירט און ארויסגעגעבן ביכער־מאנומענטן לזכר די פארשניטענע יידישע קהילות.

און מיט נאך עפעס האבן זיך אויסגעצייכנט די קעגנזייטיקע באציאונגען צווישן לאנד און אויסלאנד: באזוכן, דעלעגאציעס און צוזאמענטרעפן מיט טוריסטן צי שליחים. די קאנטאקטן זענען געווען הארציקע, ווארעמע, נאענטע, מיט קעגנזייטיקן נוצן פאר אחינו בני־ישראל אויף יענער זייט ים און זייערע שטעטישע אין ישראל. נאר ליידער, די אלע פאזיטיווע דערשיינונגען באציען זיך נישט צו אונדזער לאנדסמאנשאפט...

„דאס בוך פון לובלין", וואס איז מיט 10 יאר צוריק דערשינען אין פאריז און צו יענער צייט אפגעקאסט איבער 5 מיליאן פראנצויזישע פראנק, האט פינאנסיעל נישט באלעסטיקט די לובלינער אין אמעריקע, נאר איז אויסגעטראגן געווארן דורך דער לובלינער קאלאניע אין פראנקרייך. אויך צום צווייטן יזכור־בוך אונדזערן אין עברית, ארויסגעגעבן דורך דער „אנציקלופדיה של גלויות", האבן לובלינער אין אמעריקע געגעבן א זייער באשיידענעם און מינימאלן צושטייער. און די לובלינער פאראייניגן אין ארגענטינע, בראזיל, קאנאדע, אויסטראליע און אנדערע ערטער, האבן בכלל נישט ארויסגעוויזן קיין אינטערעס, פארשטענדעניש און הילף ביים ארויסגעבן די צוויי ספרים. און אויב אזא באציאונג אויף דעם פארהייליקטן שטח ווי יזכור־ביכער, איז נישט שווער צו פארשטיין, אז דאס פינאנסירן א גמילות־חסדים קאסע, צי אויפבויען א הויז־מאנומענט אויפן נאמען פון די לובלינער קדושים — איז זיי אוודאי און אוודאי פרעמד.

מעגלעך, אז אין דעם דאזיקן מצב דארף מען נישט באשולדיקן בלויז אויסלאנד. אפשר האבן אויך די לובלינער אין ישראל נישט געטאן גענוג, כדי איינצושטעלן א מער לעבעדיקן און ענגערן קאנטאקט מיט די לאנדסלייט אין חוץ־לארץ. איצט האט נישט קיין זין צו זוכן דעם שולדיקן, נאר בלויז פעסטשטעלן דעם טרויעריקן פאקט, כדי פון אים איינמאל פאר אלעמאל פטור צו ווערן.

*

מיר געדענקען גוט, ווי דער „לובלינער טאגבלאט" און די „לובלינער שטימע" פלעגן פאר דער מלחמה דערציילן וועגן דער עפעקטיווער און קאנקרעטער הילף פון אונדזערע ברידער אין אמעריקע — פארן יידישן שפיטאל, פאר דער ישיבת חכמי לובלין, פאר די קאאפעראטיווע בענק און לייַ־קאסעס, פארן „טאז", פאר מעות־חטים, פאר הכנסת־אורחים און נאך און נאך געזעלשאפטלעכע און סאציאלע צוועקן. דאס ווארעמע יידישע הארץ פון א לובלינער האט אויך אויף יענער זייט אקעאן נישט אויפגעהערט קלאפן פאר די באדערפענישן פון זיין שטאט. אויך נאכן חורבן, אין דעם באפרייטן פוילן, האבן אונדזערע ברידער אין אמעריקע יא זיך אביסל אינטערעסירט מיט דער שארית־הפליטה אין לובלין. נאר די לעצטע 15 יאר, ווען דער שווערפונקט פון דעם פארבליבענעם יידישן לובלינער לעבן האט זיך איבערגעטראגן קיין ישראל — איז נישטא פון אויסלאנד דער אפרוף און זארג ווי ער וואלט באדארפט זיין. נאך היינט־צו־טאג קומען קיין ישראל לובלינער וואס נייטיקן זיך אין קאנסטרוקטיווער הילף; נאך היינט זענען דא נויטבאדערפטיקע לאנדסלייט, הגם זיי געפינען זיך שוין יארן אין לאנד; און אלע פילן מיר די באדערפעניש פון אויפשטעלן אויף דער ישראל־ערד א הויז צי אינסטיטוציע אויפן נאמען פון די קדושי לובלין. ליידער, נישטא ווער עס זאל ענטפערן מיט אן אפן הארץ און אן אפענער קעשענע.

אפילו אזא טיכטיקע לאנדסמאנשאפט ווי די לובלינער אין קאנאדע, האלט נישט פאר נייטיק צו געבן זייער הילף דורך דער פארמיטלונג פון היגן קאמיטעט. נאר שיקט ליבערשט אויף אן אינדיווידועלן אופן א פעקל צי עטלעכע דאלאר, אויב מען ווענדט זיך צו זיי פון ישראל.

מיט העכער 2 יאר צוריק האט באזוכט ישראל דער באקאנטער לובלינער עסקן און פילאנטראפ פון די פאראייניקטע שטאטן, מר פיליפ גראסמאן. געווען פון אים פייערלעכע צוזאגן און פארפליכטונגען בנוגע א פאנד וואס זאל דערמעגלעכן צו שאפן אין תל־אביב אן אינסטיטוציע צו פאראייביקן דעם אנדענק פון אונדזערע קדושים. וועלן מיר נאך זוכה זיין צו האבן א „בית לובלין" אדער אן ענלעכן מאנומענט?

עס וואלט זיך זייער געוואלט אז די ג ע ז ע ל ש א פ ט ל ע כ ע פארבינדונגען צווישן דעם אירגון יוצאי לובלין בישראל מיט זיינע שוועסטער־ארגאניזאציעס אין אויסלאנד, זאלן זיין ענגערע, הארציקערע, קאנסטרוקטיווע — מיט דער בפירושער טענדענץ צו דערנענטערן הערצער פון לובלינער יידן ווו זיי זאלן זיך נישט געפינען; העלפן די לעבעדיקע און אויף א ווירדיקן אופן פאראייביקן דעם אנדענק פון די טהורים און קדושים פונעם יידישן לובלין וואס איז געווען און איז מער נישטא.

---

יצחק שבח לוינשטיין

# זכרונות מהפעולות הראשונות הציוניות בלובלין

בשנת 1908 נפוצו שמועות מפה לאוזן בביה"ס של המשכיל הידוע ר' חיים הירש (שגם אני הייתי בין תלמידיו) שעומד להגיע סטודנט ממחלקת המשפטים בכדי לארגן את הנוער הלומד היהודי בלובלין להדריכו לפעולות ציוניות, להפיץ את הרעיון הציוני והשפה העברית בקרב הצבור היהודי דאז.

הסטודנט למשפטים שהגיע אלינו היה יצחק גרינבוים המנהיג של יהודי פולין בתקופה מאוחרת יותר.

האסיפה התקיימה בבית שטינברג ברחוב בראמאווא ובה נאם גרינבוים.

היות שחיינו במשטר הצארי וכל פעולה ציונית היתה אסורה, העמדנו שני חברים על המשמר לפני פתח הבית, להודיע על כל סכנה מתקרבת.

ומאז היינו מתאספים תכופות לשיחות על נושאים ציוניים, כל פעם אצל חבר אחר, על פי רוב היינו מתאספים ביום ששי אחה"צ וביום שבת לפנה"צ אצל החבר יוסף אשכנזי ברחוב נובה.

הפעילים בחוג היו יוסף אשכנזי , לייב אוז"ל, המורה ברו, בכר, יוסף ליכטנשיין, משה פדר, לייב שטינברג וכותב השורות האלה.

בשנת 1910 הגיע ללובלין האברך המשכיל אליעזר ליפא בלוך ז"ל ונשא לאשה את הצעירה בת לובלין הדסה לבית בלאנק.

ליפא בלוך התחיל מיד עם בואו לעירנו בפעולות ארגון נרחבות ועשה רבות למען הרחבת החוג שלנו לפעולות ציוניות, שכרנו אולם ברחוב גראדזקה תחת השם „אגודת חובבי שפת עבר" וההרצאה הראשונה המענינת היתה של בלוך על הנושא „הכוזרי ויהודה הלוי", הירצו עוד המורה הגב' ברו, עובדיה שינברון ועוד.

כמעט כל ערב היינו מתאספים לשיחות חברים על נושאים שונים.

יושב האוהל התמידי באולם ערב ערב היה ר' אהרן ליכטשיין (אביו של הח' משה), סוחר גרוטאות, יהודי בשנות שיבה בעל מזג טוב ולב חם ומוכן לכל פעולה ציונית.

התחלנו אז בפעולות הראשונות למען הקק"ל כל אחד קבל פנקס בולים למכירה ולהפצה בין מכרים וידידים ותוך כך להחדיר את הרעיון של הקק"ל לרחוב היהודי, התחייבנו גם לצרף ביל של הקק"ל לכל מכתב כמובן בפנים המכתב וגם לאסוף תרומות בהזדמנויות של שמחות וכו' אצל מכרים וידידים.

זה נמשך עד פרוץ מלחמת העולם הראשונה.

עם ביבוש לובלין ע"י הצבא האוסטרי, חל מפנה בפעולות הציוניות אבל זה פרק בפני עצמו.

---

## באגריסונגען

אין נאמען פון פאראייניקטן לובלינער רעליף אין ניו יארק, באגריסן מיר הארציק אונדזערע לאנדסלייט אין ישראל צו דער דערשיינונג פון דער ערשטע צייט־שריפט „לובלינער שטימע" אין ישראל.

עס פרייט אונדז אייערע געוואלדיקע אונטערנעמונג. מיט אייער האלטן זיך צוזאמען אלס קינדער פון לובלין, גיט איר אונדז א קלארן באוויז, ווי טיף איינגעבאקן עס איז ביי אייך די ליבשאפט, און צוגעבונדנקייט צו אייער אלטער היסטארישער היים־שטאט לובלין.

דאס דערשיינען פון דער „לובלינער שטימע" וועט זיין נישט נאר אן אינפארמאציע־מקור און א פארבינדונגס־פאקטאר פאר די לובלינער לאנדסלייט אין דער ברייטער וועלט, נאר וועט אויפהויבן אויף א הויכער מדרגה דעם פרעסטיזש פון די לובלינער לאנדסלייט אין אלע לענדער. די צייטשריפט וועט דערמעגלעכן מער באקאנט צו מאכן צווישן די לובלינער, די גרויסע אקציע, וועגן אויפשטעלן אן אנדענקס־מאנומענט לזכר די קדושי לובלין.

נעמט צו אונדזער אויפריכטיקע באגריסונג אין נאמען פון דער גאנצער מיטגלידערשאפט פון פאראייניקטן לובלינער רעליף, וואס באשטייט פון פאלגנדע לובלינער ארגאניזאציעס: לובלינער עהרליך ברענטש 392 ניו־יארק; — לובלינער פרויען קלוב פון ברענטש 392 ניו־יארק; — פראגרעסיווע לובלינער בענעוואלענט אססן; — לינת הצדק אנשי לובלין.

מיר פארזיכערן אייך מיט אלע מיטלען צו שטיצן די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון דער צייטונג. מיר וועלן אייך שיקן באריכטן פון אונדזער טעטיקייט.

פיליפ גראסמאן, סעקרעטאר

א. וואָלף־יאַסני

# אַנאַ לאַנגפוס און יעקב גלאַטשטיין

**די לעבנגעבליבענע טאָכטער פון פאַרפּייניקטן לובלינער יידנטום האָט פראַנקרייך אויסגעצייכנט מיט דער גרעסטער ליטעראַטור־פּרעמיע און דער באַרימטער יידישער דיכטער פון אונדזער צייט — יעקב גלאַטשטיין איז פייערלעך אויפגענומען געוואָרן אין מדינת ישראל.**

די יידנשטאָט לובלין — אַזוי האָט דער היסטאָריקער פּראָפ. מאיר באַלאַבאַן אָנגערופן דעם יידישן ישוב אין דער דאָזיקער שטאָט. אויב פּאָליטיש איז לובלין געווען פּויליש, איז די שטאָט גייסטיק געווען — יידיש.

סיי אין דער גרויסער רבנישער תקופה, וואָס ציט זיך פון 16־טן יאָרהונדערט, און סיי אין דער עפּאָכע פון וועלטלעכער יידישקייט, האָט לובלין געהאַט איר אייגנאַרטיק יידיש־גייסטיק לעבן, וואָס האָט זיך צעשטראַלט איבער יידישע תפוצות. אָט דאָס יידישע לובלין מיט זיין אייגנאַרטיקער גייסטיקער דערהויבונג, איז אויסגעגאַנגען אין שרעקלעכע פּיין און יסורים, באַקומענע דורך די דייטשע פאַרטיליקער, וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן אָפּצומעקן אַלץ, וואָס איז יידיש.

אָבער די יידישע גייסטיקייט איז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן. גראָד צו דער צוואַנציקסטער יאָרצייט פון דער פאַרפּייניקטער יידנשטאָט האָט איר גייסטיקע דערהויבונג זיך ווידער צעטראָגן איבער דער וועלט.

אין מדינת ישראל און אין פראַנקרייך, אין פּאַריז, ירושלים און תל־אביב האָט מען געיומטובט די נישט אויסגעלאָשענע גייסטיקייט פונעם לובלינער יידנטום. פּאַריז האָט געפייערט דעם גרויסן ליטעראַטור יום־טוב פון באַקרוינען מיט דער חשובסטער פראַנצויזישער גאָנקור־פּרעמיע די יידישע טאָכטער פון לובלין — אַנאַ לאַנגפוס, און ישראל האָט געפרייט זיך מיט דעם באַזוך פונעם גרעסטן היינטצייטיקן יידישן דיכטער און פּראָזאַיקער, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן דאָס יידישע לובלין — יעקב גלאַטשטיין.

יעקב גלאַטשטיין איז נישט דורכגעגאַנגען דעם פּיין־וועג פון דעם לובלינער מיידל אַנאַ שטערנפינקל. ער האָט אין יאָר 1914, אין 18 יאָריקן עלטער פאַרלאָזט לובלין און אַוועק אין אַמעריקע, אָבער זיין גייסטיקע אויסבילדונג, זיין טיף־פאַרשטאַנענע יידישקייט, זיין בליציקע שאַרפזיניקייט, וואָס קומט צום אויסדרוק אויף אַלע געביטן פון זיין ליטעראַרישן שאַפן — אין דער פּאָעזיע און פּראָזע — האָט גלאַטשטיין דערוואָרבן אין דער יידנשטאָט לובלין.

אויב פיזיש האָט גלאַטשטיין נישט דורכגעטראָגן דעם חורבן פון זיין לובלינער יידנטום, האָט ער אָבער ווי אַ דיכטער איבערגעלעבט די טיפסטע נשמה־פּיין, ווען פאַר זיין פּאָעטישער זעאונג זענען דורכגעגאַנגען די שטראַלנדיקע יידן, ווען ער האָט געמאַכט זיין נאַכטיקן שפּאַציר צווישן קברים פון דער גאַנצער „פאַרטיליקטער יידישער וועלט״. ווער קען מעסטן דעם צער פון אַ יידישן דיכטער מיט אַזאַ טיף געפיל ווי יעקב גלאַטשטיין, ווען ער גייט צווישן זיינע פאַרפּייניקטע לובלינער יידן, אַ טייל פון די 6 מיליאָן שטראַלנדיקע יידן.

✶

יעקב גלאַטשטיין איז דורך און דורך יידישער דיכטער. יעדער פּערז זיינער, יעדעס פּראָזע־בוך אָטעמט מיט טיפער יידישקייט. אָבער אויך אַנאַ לאַנגפוס, וועמען פראַנקרייך האָט אויסגעצייכנט מיט דער גאָנקור־פּרעמיע פאַר אירע פּראָזע־ווערק אין פראַנצויזיש, איז אין איר שאַפן דורך און דורך יידיש. אירע פּערזענלעכע טראַגישע איבערלעבונגען אין די יאָרן פון דער דייטשער אויסראָטונג, האָט זי דערהויבן צום סימבאָל פון פיינלעכן אומקום פון די יידן אין לובלין און אין פּוילן בכלל. אַנאַ לאַנגפוס, פּונקט ווי שוואַרצבאַרט האָט די יידישע פּיין און ראַנגלענישן אַריינגעבראַכט אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור און דאָס איז איר גרויסער יידישער צושטייער צו דער פאַראַלוועלטלעכונג פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע.



אַנאַ לאַנגפוס

אַנאַ לאַנגפוס, די שרייבערין, וואָס איז פּרעמירט געוואָרן דורך פראַנקרייך, האָט, פּונקט ווי גלאַטשטיין, איר גייסטיקע אויסבילדונג באַקומען אין דער יידנשטאָט לובלין, אין דער יידיש־באַלעבאַטישער משפחה, וועמענס ראש איז געווען משה שטערנפינקל. אַ חוץ איר יידישער היים־דערציאונג, האָט די יונגע אַנישאַ שטערנפינקל באַקומען מיטלשול־בילדונג אין דער לובלינער מלוכהשער גימנאַזיע. זי איז געווען אַ פעיקע שילערין און באַזונדערס געווען פאַרכאַפּט פון פּאָעטישע שאַפונגען.

אין גימנאַזיע האָט זיך אַנאַ באַקאַנט מיט איינעם פון די שילער. אין 17־יאָריקן עלטער האָט זי מיט אים חתונה געהאַט און צוזאַמען אַוועק אין בעלגיע צו שטודירן אין בריסעלער פּאָליטעכניקום. אַזוי גליקלעך האָט זיך אָנגעהויבן דער לעבנסוועג פון אַנאַ שטערנפינקל.

ווען עס האָט זיך דערנענטערט דער חושך פון דער דייטש־היטלערישער נאַכט פונעם לאַנגן מעסער, האָט אַנאַ מיט איר מאַן זיך געאיילט צו זיין צוזאַמען מיט די עלטערן. זיי האָבן פאַרלאָזט בעלגיע און באַוויזן אָנצוקומען קיין לובלין פאַרן מלחמה־אויסברוך. און ווייטער? ווייטער איז זי געגאַנגען איבער דעם יידישן פּיין־און יסורים־וועג וואָס עס האָט אויסגעפּלאָסטערט די דייטשע בעסטיאַלישע אכזריות און אויסראָטונג: לובלינער געטאָ, פאַרלוירן די עלטערן, פאַרלוירן דעם מאַן און די גאַנצע משפחה, דייטשער אויסראָטונגס־לאַגער. עס געלינגט אַנאַן פון דאָרט צו אַנטלויפן. זי שליסט זיך אָן אין דער אונטערערדישער באַוועגונג צום קאַמף קעגן גרויזאַמען שונא און געפינט איר אָרט אין אַ פּאַרטיזאַנער־מחנה.

אַנאַ האָט איר לעבן אויפגעהאַלטן, אויסגעהאַלטן אַלע פּיין און אין 1947 געקומען אין פראַנקרייך באַלאָדן מיט די גרויליקע איבערלעבונגען, וואָס האָבן איר נישט געגעבן קיין רו, געמאָנט און געפּאָדערט אַרויסצוברענגען זיי, דערציילן פאַר דער וועלט.

אין פרייען פּאַריז האָט די איינזאַמע פרוי פריי אָפּגעאָטעמט. זי האָט ווידער גענומען איינאָרדענען איר לעבן. געוואָרן אַ מאַמע פאַר יתומים־קינדער, וואָס איז געוואָרן איר באַשעפטיקונג. זי האָט געלערנט די פראַנצויזישע שפּראַך, חתונה געהאַט מיט אינזשיניר נ. לאַנגפוס, וואָס שטאַמט אויך פון לובלין און זייער גיך איז זי באַקאַנט געוואָרן ווי די פראַנצויזישע שרייבערין — אַנאַ לאַנגפוס.

דאָס ליבעראַלע, פרייע פראַנקרייך, וואָס האָט פאַרשטענדעניש פאַר יעדן שעפערישן מענטש, האָט „אַדאָפּטירט״ די יידישע אָפּגעראַטעוועטע פרוי פון דער פאַרטיליקטער יידנשטאָט לובלין, וואָס האָט געשאַפן אין פראַנצויזיש. אָבער אַנאַ איז געבליבן ביי איר לובלינער יידישקייט. אין איר ערשטן בוך א. נ. „זאַלץ און שוועבל״, האָט אַנאַ לאַנגפוס אין פראַנצויזיש געשילדערט די פיינלעכע איבערלעבונגען — פיזישע, גייסטיקע און פּסיכישע — פון דער יידישער פרוי און פון יידן בכלל בעת דער דייטשער אויסראָטונג. דאָס בוך איז מיט גרויס אָנערקענונג אויפגענומען געוואָרן דורך דער פראַנצויזישער ליטעראַטור־קריטיק.

דאָס צווייטע בוך, וואָס האָט זוכה געווען צו דער גאָנקור־פּרעמיע, איז ווי אַ המשך פונעם ערשטן און טראָגט דעם סימבאָלישן נאָמען — „פּעקלעך זאַמד״.

די רעאַלע שילדערונגען אין דעם בוך, גענומען פונעם נאָכמלחמהדיקן לעבן פונעם רוב אָפּגעראַטעוועטע יידישע פרויען, צו ביסלעך אויטאָביאָגראַפיש — האָט אַנאַ לאַנגפוס סימבאָליש פאַרטיפט.

מאַריאַ, די הויפּט־געשטאַלט אין דעם בוך, האָט פּונקט ווי אַנאַ, פאַרלוירן אין געטאָ די עלטערן און אַלע אירע נאָענטע. איינע אַליין איז זי געבליבן אויף דער וועלט. זי וויל לעבן, איינאָרדענען זיך דאָס לעבן, אָבער זי קאָן זיך נישט אָפּרייסן פון דער פיינלעכער פאַרגאַנגענהייט. די געפּייניקטע קומען צו איר אין קליינעם שטיבל אויפן זעקסטן שטאָק ערגעץ אויף אַ גאַס אין פּאַריז און גיבן איר נישט קיין רו. אין פרידלעכן פּאַריז לעבט מאַריאַ נאָכאַמאָל איבער, פּסיכיש און גייסטיק, די געטאָ־פּיין. אין איר לעבן פלעכט זיך גרויליקע פאַרגאַנגענהייט מיט לעבעדיקער קעגנוואַרט: טויט און לעבן גייען צוזאַמען אין אַ טונקעלן מיסטישן שלייער.

אין די דאָזיקע שילדערונגען, וועלכע די מחברין ברענגט אַרויס מיט אַן אייגנאַרטיק־פאַרטיפטער לירישקייט, זענען סימבאָליזירט די פּסיכישע און גייסטיקע ליידן פון אַ גרויסן שיכט פיינפילנדע יידן, אָפּגעראַטעוועטע פון דער אויסראָטונג און אויך אַזעלכע, וואָס זענען נישט געווען אין אויסראָטונגס־גהינום, נאָר דאָרט פאַרלוירן די נאָענטסטע. יעדער פון די לעבנגעבליבענע פילט זיך אויף זיין אופן קראַנק פּונקט ווי מאַריאַ אין דעם פּרעמירטן בוך פון אַנאַ לאַנגפוס. פּונקט ווי מאַריאַ וויל זיך יעדער באַפרייען פון די דאָזיקע פּסיכישע ליידן, אָבער דאָס איז נישט מעגלעך פאַר אונדזער דור.

די איינזאַמע מאַריאַ וויל אויפבויען איר לעבן אין פּאַריז, זיין געליבט און זיך אויסלעבן ווי אַ פרוי, אָבער פאַר איר איז דאָס לעבן האַרט און שווער. עס פייניקן די זכרונות פון דער שרעקלעכער פאַרגאַנגענהייט און אויך דאָס קעגנוואַרטיקע לעבן איז פאַר איר טראַגיש.

זי פילט זיך פרעמד און איינזאַם אין דער גרויסער וועלט־שטאָט, ווו יעדער איז פאַרנומען מיט אויפבויען דאָס אייגענע לעבן נאָך דער מלחמה־קאַטאַסטראָפע, אָבער קיינער האָט דאָך נישט אויף אַזאַ אופן איבערגעלעבט די קאַטאַסטראָפע ווי די יידישע מאַריאַ ערגעץ אין לובלינער געטאָ אָדער אין אַן אַנדער געטאָ.

אָט אַזוי, עכט־יידיש, הגם געשריבן אין פראַנצויזיש, האָט אַנאַ לאַנגפוס אויפגענומען די פּיין און ליידן פון די לעבנגעבליבענע פון די געטאָס און די בילדער און געשטאַלטן יידישע און נישט יידישע, די סימבאָליש־מיסטישע שילדערונגען האָבן באַווירקט די פראַנצויזן.

אָט דאָס דאָזיקע ווערק איז דורך דער גאָנקור־זשורי אויסגעטיילט געוואָרן פון פינף הונדערט ביכער און געוואָרן אויסגעצייכנט מיט דער העכסטער ליטעראַרישער פּרעמיע פון פראַנקרייך.

און געשען איז דאָס בעת דער צוואַנציקסטער יאָרצייט פון דער פאַרפּייניקטער יידנשטאָט לובלין. אויך דער דאָזיקער צונויפפאַל, וואָס האָט זיך געטראָפן מיט די פייערלעכקייטן בעת דעם באַזוך פונעם דיכטער, דעם לובלינער יעקב גלאַטשטיין — איז סימבאָליש: דער סימבאָל פון דער אייביק לייכטנדער יידישער גייסטיקייט, וואָס קיין שום פאַרטיליקער קאָן נישט אויסלעשן.

**צו אונדזער בת-עיר אנא לאנגפוס!**

מיר שיקן אייך איבער אונדזערע האַרציקסטע ווונטשן צו אייער באַקומען דעם גאָנקור־פּרייז — העכסטער ליטעראַרישער פּרייז אין פראַנקרייך, מיר זענען שטאָלץ מיט אונדזער לובלינער טאָכטער און האָפן אייך בקרוב צו זען אויף אַ באַזוך אין ישראל צווישן פריינט און נאָענטע פון דער אומפאַרגעסלעכער היים־שטאָט.

ארגון יוצאי לובלין בישראל —
הועד המרכזי

חברים יקרים
ברכות נאמנות והצלחה
להופעת העתון „לובלינער שטימע״.

שלכם
**הרב אברהם יצחק טווערסקי**
ניו־יאָרק

אדוו. חיים ראָזענבערג

# דאָס פּראָבלעם פון צוגערויבטן יידישן פאַרמעגן

דאָס פּראָבלעם פון צוריקקערן דאָס צוגערויבטע פאַרמעגן פון אייראָפּעאישן יידנטום, וואָס איז געווען דער הויפּט־קרבן פון די נאַציס ווערט אַקטועלער פון טאָג צו טאָג. מיט א צייט צוריק האָט דער יידישער וועלט־קאָנגרעס פאַרעפנטלעכט אָנגאַבן, וואָס וואַרפן א ניי ליכט אויף דעם וויכטיקן פּראָבלעם. לויט פאַרזיכטיקע אָפּשאַצונגען האָט דאָס יידישע באַוועגלעכע פאַרמעגן אין אייראָפּע, וואָס איז צוגערויבט געוואָרן דורך די נאַציס באַטראָפן 27 מיליאַרד דאָלאַר. ווען נישט די קאַטאַסטראָפע וואָלט דאָס פאַרמעגן היינט געהאַט א ווערט פון 40 מיליאַרד דאָלאַר.

פאַר דעם דאָזיקן ריזיקן פאַרמעגן האָבן די נאַצי־קרבנות און זייערע יורשים ביז היינט צו טאָג נישט באַקומען קיין אַנטשעדיקונג אפילו אין דער מינימאַלסטער פּראָפּאָרץ. די מערב־דייטשע רעגירונג פון ד״ר אַדענאַוער האָט גענומען אויף זיך די פליכט צו באַצאָלן דעם מאַטעריעלן שאָדן, וואָס איז פאַראורזאַכט געוואָרן די יידן דורך די היטלעריסטן. אַדענאַוער איז אויסן געווען, אַז ער און זיין רעגירונג זאָלן אַריינגיין אין דער געשיכטע אַלס די וועלכע האָבן גענומען אויף זיך די גרויסע מיסיע כאָטש אין א געוויסער מאָס ריינצוּוואַשן דאָס דייטשע פאָלק דורך געבן אַנטשעדיקונג די נאַצי־קרבנות מיט א ברייטער האַנט.

אָבער ווי זעט דאָס אויס אין דער ווירקלעכקייט? די ווירקלעכקייט איז א גאַנץ פּראָזאַישע. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז פאַרן צוגערויבטן באַוועגלעכן פאַרמעגן האָט די בונדעס־רעגירונג באַצאָלט נישט 40 און נישט 27 און נישט 10 מיליאַרד דאָלאַר, נאָר א פאַרהעלטנישמעסיקע נישטיקע סומע פון 375 מיליאָן דאָלאַר. ווייניקער ווי 1 פּראָצענט פון ווערט פון צוגערויבטן יידישן פאַרמעגן.

מיט באַדויערן דאַרפן מיר פעסטשטעלן, אַז דאָס דאָזיקע אָנגעווייטיקטע פּראָבלעם, וואָס אינטערעסירט הונדערטער טויזנטער לעבנגעבליבענע יידן פון דער היטלעריסטישער שחיטה איז באַלד פון ערשטן מאָמענט אָן פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן.

בעת די פאַרהאַנדלונגען מיט דער דייטשער רעגירונג וועגן אַנטשעדיקונג פאַר די נאַצי־קרבנות, וואָס האָט דערפירט צו די אַנטשעדיקונגס אָפּמאַכן און אַנטשעדיקונגס־געזעצן זענען די מזרח־אייראָפּעאישע יידן שטאַרק באַוועלט געוואָרן. זיי זענען נישט געווען פאַרטרעטן בעת די פאַרהאַנדלונגען דורך זייערע אַנטשפּרעכנדיקע פאַרשטייער און זייערע גערעכטע תביעות לגבי מערב־דייטשלאַנד זענען אויסגעטוישט געוואָרן אויף קליין־געלט.

די נאַצי־קרבנות פון דער מזרח־אייראָפּעאישע לענדער האָט מען צוגעוואָרפן א „טרוקן ביינדל״ אין דער פאָרם פון האַפּט־אַנטשעדיקונג, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין 150 מאַרק פאַר יעדן חודש אין די שרעקלעכע קאַצעט־באַדינגונגען. נאָר דער טייל נאַצי־קרבנות, וואָס האָט זיך געפונען אין די דיפּי־לאַגערן באַקומט אויך געזונט־הייטסשאָדן. די שארית הפליטה־יידן האָבן זיך נאָך דער מלחמה געפונען אין אַזאַ קאַטאַסטראָפאַלער לאַגע, אַז זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דער דאָזיקער נישטיקער האַפּט־אַנטשעדיקונג.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אפילו די האַפּט־אַנטשעדיקונג איז נישט לייכט אָנגעקומען. מען האָט געדאַרפן וואַרטן יאָרן, כדי צו באַקומען די „פאַרגיטיקונג״ פאַר די קאַצעט־יאָרן.

מיר רעדן פאַרשטענדלעך, נאָר וועגן דער מאַטעריעלער אַנטשעדיקונג, ווייל וועגן אַן אַנדער אַנטשעדיקונג קאָן גאָרנישט זיין קיין רייד נאָך דעם גרויסן חורבן וואָס האָט געטראָפן. דער גרעסטער טייל פון די נאַצי־קרבנות, וועלכער וויל נישט, אַז דער רויב זאָל בלייבן ביים פאַרברעכער לאָזט נישט צו דעם געדאַנק פון סליחה און מחילה אין אונדזער דור און אין די נאָענטסטע דורות.

## דאָס געזעץ וועגן צוריקקערן דאָס צוגערויבטע פאַרמעגן

די מערב־דייטשע אַנטשעדיקונגס־אינסטאַנצן זענען מיט אייניקע יאָר צוריק אַליין געקומען צום באַשלוס, אַז די מזרח־אייראָפּעאישע נאַצי־קרבנות זענען שטאַרק באַוועלט געוואָרן. דעם 19.7.57 איז דערשינען דאָס „בונדעס ריקערשטאַטונג געזעץ״. דאָס דאָזיקע געזעץ זעט פאָר, אַז די מערב־דייטשע רעגירונג דאַרף באַצאָלן אַנטשעדיקונג פאַרן גאַנצן באַוועגלעכן פאַרמעגן, וואָס די נאַציס האָבן צוגערויבט אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער (כלערליי סחורות, מאַשינען, מעבל, קונסט־זאַכן, שמוק, ביזשוטעריע, גאָלד, זילבער א. א. וו.).

דאָס דאָזיקע געזעץ האָט געקאָנט אין א געוויסער מאָס פאַריכטן די עוולה וואָס איז געשען די מזרח־אייראָפּעאישע יידן.

אָבער די געזעצגעבער האָבן דאָ געמאַכט א יורידישע באַגרענעצונג וואָס האָט אין א גרויסער מאָס צונישט געמאַכט דעם ציל פון „ריקערשטאַטונג־געזעץ״. די דאָזיקע באַגרענעצונג באַשטייט אין דעם, אַז די אַנטשעדיקונג פאַרן צוגערויבטן פאַרמעגן ווערט באַצאָלט דאַן, ווען עס ווערט באַוויזן, אַז דאָס דאָזיקע פאַרמעגן איז אָנגעקומען קיין מערב־דייטשלאַנד, אָדער מערב־בערלין.

די יידישע יוריסטן, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט אַנטשעדיקונגס־פראַגן האָבן אָבער באַלד איינגעזען, אַז דאָס אויבנדערמאָנטע „ריקערשטאַטונג־געזעץ״ איז נישט דורכפירבאַר, ווייל עס קען נישט באַוויזן ווערן, אַז דאָס געגעבענע צוגערויבטע אין די געטאָס און קאַצעטן פאַרמעגן איז אָנגעקומען קיין מערב־דייטשלאַנד אָדער מערב־בערלין.

מיר שטייען אויך אויפן שטאַנדפּונקט, אַז אין אַלגעמיין דאַרף אָפּגעוואָרפן ווערן די טענה, אַז די דייטשן דאַרפן באַצאָלן אַנטשעדיקונג נאָר פאַרן צוגערויבטן פאַרמעגן, וואָס איז אַרויסגעפירט געוואָרן קיין מערב־דייטשלאַנד אָדער מערב־בערלין.

מיר פרעגן: און וואָס איז מיטן פאַרמעגן וואָס די דייטשן האָבן צוגערויבט אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער און נישט אַרויסגעפירט קיין מערב דייטשלאַנד, נאָר עס אויסגענוצט אויפן אָרט אין די אָקופּירטע לענדער פאַר זייערע מיליטערישע און ווירטשאַפטלעכע צוועקן?

און דאָס דאָזיקע פאַרמעגן האָט דאָך געהאַט דעם ווערט פון מיליאַרדן מאַרקן. וועלכע די דייטשן וואָלטן געמוזט מאָביליזירן פון אייגענע רעסורסן, ווען זיי וואָלטן נישט געהאַט דעם יידן־רויב.

מיר האַלטן, אַז דעציזירנדיק איז דער פאַקט, אַז דאָס פאַרמעגן איז צוגערויבט געוואָרן ביי די יידן. צי דאָס פאַרמעגן איז געבליבן אין רשות פון די דייטשן אויפן אָרט צי אַרויסגעפירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד, איז אַבסאָלוט נישט וויכטיק פאַרן נאַצי־קרבן. עס איז אָבער באַוווּסט, און דאָס גיבן צו די דייטשן אַליין, אַז זיי האָבן אַרויסגעפירט פון די אייראָפּעאישע לענדער די בעסטע און טייערסטע סחורות, ווי: זיידן־שטאָפן, טעקסטיל, טריקאָטאַזש־אויסאַרבעטונגען, לעדער־אויסאַרבעטונגען, זייגער־פאַבריקן, גאַלאַנטעריע, פעלצן, גאָלד, שמוק א. א. וו.

עס איז באַקאַנט, אַז עס זענען געווען בפירושע אָנווייזונגען פון דער היטלער־מאַכט, אַז גאָלד, זילבער און ביזשוטעריע דאַרף גלייך געשיקט ווערן קיין דייטשלאַנד.

נעמענדיק אין אַכט די דאָזיקע פאַקטן, האָבן די מערב־דייטשע ווידערגוטמאַכונגס־אינסטאַנצן פעסטגעשטעלט, אַז בנוגע שמוקזאַכן, ביזשוטעריע, גאָלד און זילבער איז נישט נויטיק נאָכצווייזן, אַז דאָס איז אָנגעקומען קיין מערב־דייטשלאַנד, אָדער מערב־בערלין.

## די תביעות דאַרף מען אָנגעבן

דעם 31.3.1959 איז אָפּגעפלאָסן דער טערמין פון אַריינטראָגן די תביעות וועגן צוגערויבטן פאַרמעגן אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער. אָבער היות ווי די נייע באַשטימונגען וועגן גאָלד, שמוק און ביזשוטעריע זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1960, האָט זיך געשאַפן א לאַגע, אַז מער ווי 90 פּראָצענט פון נאַצי־קרבנות האָבן נישט אָנגעגעבן קיין תביעות צוליבן אַבסורדאַלן כאַראַקטער פון דעם אָריגינעלן געזעץ. למען האמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז אויך די יידישע יוריסטן וועלכע פאַרנעמען זיך מיט ווידערגוטמאַכונגס־פּראָבלעמען, האָבן נישט געגלויבט אין דערפאָלג און רעאַליזאַציע פון דעם קאָמפּליצירטן געזעץ. און דעריבער האָבן זיי כמעט נישט אָנגענומען קיין תביעות לויטן „ריקשטאַטונגס־געזעץ״.

אָבער אין לעצטן יאָר איז דורך אַ ריי יידישע פאַקטאָרן, צווישן זיי ד״ר נחום גאָלדמאַן, אויסגעאיבט געוואָרן אַ שטאַרקער דרוק, כדי צו פאַרלענגערן דעם טערמין פון אָנמעלדן תביעות וועגן צוגערויבטן באַוועגלעכן פאַרמעגן.

די דאָזיקע באַמיאונגען האָבן געגעבן פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. מיט אייניקע וואָכן צוריק האָט דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע

(סוף אויף זייט 17)



די אויסזידלונג פון געטא

# אין יידישן קינדערהיים מיט 30 יאר צוריק

געווי מיט דרייסיק יאר צוריק, אין דעצעמבער 1932, האב איך געמאכט א באזוך אינעם יידישן „קינדערהיים". איך בין דעמאלט געווען אויף פעריען אינדערהיים און איך בין איינגעלאדן געווארן דורך מיין מוטער עליה השלום צו באזוכן דאס קינדער־היים.

מיין מוטער, בעלא דאבזשינסקא, זכרונה לברכה, איז געוועזן פארזיצערין פונעם יידישן פרויען־פאראיין אין לובלין און זי האט צוזאמען מיט אנדערע חברות געגרינדעט די דאזיקע אינסטיטוציע.



ב. דאבזשינסקא

ווי באקאנט איז מיין מוטער געווען זייער טעטיק אויף פארשידענע געביטן פון ציוניסטישער, מוניציפאלער און געזעלשאפטלעכער ארבעט (מיטגלידערין פון צענטראל־קאמיטעט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין פוילן, מיטגלידערין פון לובלינער שטאט־ראט א. א. וו.), אבער די סאציאלע ארבעט איז ביי איר געווען אממערסטן באליבט און זי האט זיך געווידמעט דער ארבעט מיט פיל ענטוזיאזם און מסירות נפש. זי האט אויך געגרינדעט, צוזאמען מיט ד"ר צינבערג ז"ל, א קינדער־אפטיילונגביים יידישן שפיטאל.

איך געדענק מיט וואס פארא באגייסטערונג מיין מוטער ז"ל האט מיר דערציילט וועגן דער ארבעט, וואס איז אנגעגאנגען אין קינדערהיים, וועגן די פארשידענע דערגרייכונגען און וועגן דער איבערגעגעבענער ארבעט פון דער דערציערין מאניא ניישטיין (ווען די לעצטע איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל, האט איר ארבעט ווייטער געפירט איר שוועסטער, בעלא).

דאס קינדערהיים איז געגרינדעט געווארן אין יאר 1927 פונקט מיט 35 יאר צוריק. די קינדער האבן זיך דארט געפונען אונטער דער אויפזיכט פון דערציער, ווען די עלטערן זענען געווען ביי דער ארבעט. זיי האבן באקומען עסן און אויך קליידונג. ביז 100 קינדער האבן זיך געפונען אן ארט אינעם קינדערהיים.

ביי מיין באזוך האב איך געקאנט באווונדערן די מוסטערהאפטע איינריכטונגען און די ציכטיקייט פון די קינדער. דאס אלץ צוזאמען מיט דעם קאנטראסט פון דער גרויסער ארעמקייט פון דער סביבה האט ביי מיר איבערגעלאזט אן אומפארגעסלעכן איינדרוק.

איך האב ביי דער געלעגנהייט געמאכט א פאר געלונגענע אויפנאמען (פון וועלכע איינע איז דערשינען אינעם בוך פון לובלין, אין דער יידישער און אין דער עברית־אויסגאבע). מיר האבן זיך דעמאלט נישט פארגעשטעלט, אז גאר אינגיכן וועלן די בילדער זיין דער איינציקער זכר, וואס וועט בלייבן פונעם קינדערהיים...

**ד"ר בן־טובים — דאבזשינסקי**



דאס יידישע קינדער־היים אין לובלין

## גרונטשטיין־לייגונג פון א דענקמאל אין לובלין

די אקציע פאר אויפשטעלן א דענקמאל אין לובלין לזכר די 46 טויזנט יידן, וואס זענען פארפייניקט געווארן דורך די דייטשן — האט זיך אנגעהויבן מיט פארעפנטלעכן אן אויפרוף, וואס איז פלאקאטירט געווארן אין דער אמאליקער יידן־שטאט. אין אויפרוף „צו די בירגער פון לובלין", האט זיך געזאגט צווו. אנד.:

„אין אונדזער שטאט האבן געלעבט 46 טויזנט יידן, וועלכע האבן זיך פארנומען מיט שעפערישער ארבעט. דער ישוב האט אנטוויקלט אן אקטיווע פאליטיש־געזעלשאפטלעכע טעטיקייט. די געשיכטע קען פיל יידן אפשטאמיקע פון לובלין, וועלכע האבן מקריב געווען זייער לעבן פאר די דערהויבענע אידעען פון גלייכהייט און סאציאלן יושר".

דער אויפרוף, אונטערגעשריבן פון א קאמיטעט מיט פארטרעטער פון יידן און פאלאקן, האט זיך פארענדיקט מיט א ווענדונג צו קינסטלער, מאלער און סקולפטארן, בעיקר אפשטאמיקע פון לובלין צו באטייליקן זיך אין קאנקורס פון א פראיעקט צום דענקמאל.

אויף דער דאזיקער ווענדונג זענען אריינגעקומען איבער 90 פראיעקטן, וואס זענען אויסגעשטעלט געווארן אין א ספעציעלן זאל אין לובלין.

די זשורי אין באשטאנד פון 12־אנגעזעענע פלאסטיקער, ארכיטעקטן און דעם מיטארבעטער פון יידישן היסטארישן אינסטיטוט, דאצענט אייזנבאך האט אונטערן פארזיץ פון פראפעסאר פון דער קראקעווער קונסט־אקאדעמיע י. שטערן אויסגעטיילט 6 פראיעקטן. פון די 6 פראיעקטן איז אויסגעטיילט דער פראיעקט פון די קראקעווער קינסטלער־פלאסטיקער — טאראבולא און זאגאיעווסקי.

די גרונטשטיין־לייגונג פארן דענקמאל איז פארגעקומען דעם 9־טן נאוועמבער ל. י. אין יארצייט־טאג פונעם פארפייניקטן לובלינער יידנטום. דער דענקמאל־קאמיטעט האט פריער געמאכט פארבארייטונגען צו דער טרויער־צערעמאניע, אויך טעכנישע. דאס פוילישע קולטור־מיניסטעריום האט צוגעטיילט 3 טאן בראנז, וואס וועט באארבעט ווערן אין קראקעווער אינסטיטוט פאר מעטאל־גיסעריי. דער לובלינער קאאפעראטיוו „קרושיווא" וועט אויסבויען דעם פונדאמענט אונטערן דענקמאל. דארט וועלן איינגעגראבן ווערן אורנעס אש, געבראכט פון אלע ערטער פון דער לובלינער וואיעוואדשאפט, ווו די דייטשן האבן אויסגעפירט מאסן־מארדן איבער יידן.

די אלגעמיינע אויסגאבן אויפן דענקמאל באטרעפן איבער א מיליאן זלאטעס, וואס ווערט, טיילווייז, געדעקט דורך די נאציאנאל־ראטן פון לובלין און וואיעוואדשאפט. אויך לובלינער יידן פון פוילן און פון דער גארער וועלט האבן זייער פינאנסיעלן אנטייל אין בויען דעם דענקמאל.

## יצחק רוטענבערג
# א בינטל זכרונות פון דער גרינדונג פון ערשטן ארגון יוצאי לובלין אין ארץ־ישראל

אין די ערשטע חדשים פון 1940 ווען די מלחמה מיט היטלערן ימ"ש איז געווען אין פולן ברען, האבן אנגעהויבן אנקומען אין לאנד אריין אויף פארשידענע וועגן איינצלנע לובלינער יידן אן א פרוטה און אן שום מיטלען. ממש אין איין העמד.

דאן האט זיך צו מיר געווענדעט ר' לייבל זינגער ז"ל מיט א פארשלאג צו גרינדן אן ארגאניזירטע קערפערשאפט פון לובלינער, כדי צו דערטיילן הילף פאר די נייע עולים. דאס איז געווען אין יענער צייט א געוואגטער געדאנק.

מיר זענען זיך דאן צוזאמענגענומען 5 חברים: פרוי ל. קוריס־נאמבערג, ר' לייבל זינגער ז"ל, דער יובילער וואלף ז"ל, ה' ראטרובין און איך, דער שרייבער, פון די שורות.

מיר האבן באשלאסן גרינדן א ועד אונטערן נאמען ועד לעולי לובלין. מיר האבן אנגעהויבן ארגאניזירן די ערשטע הילף פאר די נייע עולים. די הילף איז געגעבן געווארן אין פארשיידענע פארמען: הלוואות, געפינען וווינונגען, געהאלפן זיך איינארדענען ביי דער ארבעט א. א. וו.

נאכן איינעמען לובלין דורך די רוסן האבן מיר באקומען אן אלארם־רוף צו ארגאניזירן שנעלע הילף פאר די רעשטלעך לובלינער יידן, וואס זענען ממש געוועזן נאקעט און בארוועס אין דעם שווערן ווינטער קלימאט. עס איז געוועזן נאך סוכות. מען האט פארלאנגט סוועטערס, שיך און וואלענע לאנגע זאקן.

מיר האבן באלד אנגעהויבן אברייטע זאמלונגס־אקציע. און מיר האבן צונויפגעזאמלט 500 פונט. א גאנץ באדייטנדע סומע צו יענער צייט.

מיר האבן געקויפט גלייך אין פאבריק מיט א גרויסער הנחה 300 פאר שיך, 300 פאר סוועדערס און 300 פאר לאנגע וואלענע זאקן. דאס האבן מיר איינגעפאקט אין 2 קאסטנס, פארחתמעט מיט דער חתימה פון ועד עולי לובלין בארץ ישראל און עס אפגעשיקט קיין פוילן.

אונדזער פרייד איז געווען גרויס ווען מיר זענען געוויר געווארן, אז דער טראנספארט איז אנגעקומען אויפן ארט אין ארדענונג. ווי עס האבן אונדז שפעטער איבערגעגעבן איינצעלנע לובלינער וועלכע זענען אנגעקומען אין לאנד אריין זענען זיי געשטאנען א גאנצע נאכט אין דער ריי, בכדי צו באקומען עטוואס פונעם טראנספארט.

א חוץ דעם וואס זיי האבן זיך געניטיקט אין די זאכן איז עס פאר זיי אויך געוועזן א טרייסט און אויפמונטערונג, אז עס איז דא ווער אין ארץ ישראל, וואס קלערט וועגן זיי, אזוי איז געגרינדעט געווארן דער ערשטער ועד לעולי לובלין און אזוי האט ער אנגעהויבן זיין ערשטע ארבעט מיט באשיידענע כוחות און באלאסטעט מיט גרויסע אויפגאבן.


לוועד הלובלינאים בישראל

הפתעה גדולה בשבילי הופעת העתון „לובלינער שטימע".
מקרב לבי הנני שולח לכם את ברכותי חזקו ואמצו

בכבוד רב
הרב יהושע שפעטמאן
לונדון

דוד איידעלמאַן

# מיין חרוב געוואָרן יידיש לובלין

אין מיין זכרון וועט אייביק פאַרבלייבן דאָס אַלטע, חרוב געוואָרענע יידישע לובלין מיט די קרוב הונדערט גאַסן און געסלעך, וואָס די בלוט־דורשטיקע נאַציס האָבן אָפּגעווישט פון דער ערד אויבערפלאַך אינאיינעם מיט די יידן.

די אומגעבראַכטע לובלינער יידן, זענען געווען אונדזערע טאַטעס, מאַמעס, ברידער און שוועסטער. אַ גאַנץ לעבן האָבן זיי געשפּרייזט איבער די דאָזיקע גאַסן און געסלעך, וואָס עס האָבן אויפגעשטעלט די פריערדיקע דורות, צו דערהאַלטן דעם יידישן קיום.

ווען מיר אייביק געדענקען די יידן־גאַס אין אַלטן לובלין, וואָס האָט געדינט אַלס צענטער פאַר די ארומיקע געסלעך מיט אירע געשעפטן, וואַרשטאַטן, שולן, בתי מדרשים, מנין־שטיבלעך און חסידים־שטיבלעך. די יידן גאַס, ווו עס האָבן געלעבט סוחרים, בעלי מלאכות, עסקנים, אינטעליגענטן און ווילערנער האָט זיך אַוועקגעצויגן צו די יידישע גאַסן: גראָדסקע, קאָוואַלסקי, לובאַרטאַווסקע, צו דער שניידערישער גאַס, צום יאַטקע געסל, צום טאָרג, צום צירולניטשע געסל, פורמאַנסקע געסל און צו אַ רייע אַנדערע געסלעך, אין וועלכע עס האָבן „געשטעקט" נאָך קלענערע געסעלעך, ווו איין מויער איז געלעגן אויף דער צווייטער מויער. אין אַלע די דאָזיקע געסלעך, האָט זיך אויפגעהאַלטן דאָס לובלינער יידנטום, וואָס האָט געפירט אַ האָרעפּאַשנע לעבן, ציענדיק די חיונה פון שווערער אַרבעט און לופט־פּרנסות. פון די אָרעמע פאַרדינסטן האָט מען אויסגעהאַלטן יתומים און זקנים־הייזער און כל המינים פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, ווי גמילת־חסדים־קאַסעס, לינת הצדק, הכנסת כלה און ביקור חולים.

אין די ענגלע געסלעך פון אַלטן לובלין, האָבן זיך אויך געפונען, ישיבות, תלמוד תורהס, וועלטלעכע שולן און פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, ווו עס האָט זיך געזאַמלט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט.

די היטלעריסטישע מערדער, האָבן חרוב מאַכנדיק דאָס אַלטע יידישע לובלין פאַרניכטעט די אומשאַצבאַרע אוצרות, די היסטאָרישע פאַרצייטישע שולן פון מהרש"ל, מהר"ם, די קאַטלער־שול. די שאול וואַל־שול, דאָס בית המדרש פון לובלינער חוזה, דעם כהנס בית המדרש און נאָך אַנדערע פאַרצייטישע בתי מדרשים, וואָס האָבן געשמט צווישן יידן מיט זייערע פּרוכתן ספרי־תורהס און מאַלעריי.

פון זכרון פון די לובלינער יידן, וועלכע זענען ניצול געוואָרן על פי נס פון די רוצחישע דייטשע הענט, וועט נישט פאַרשווינדן דאָס בילד פון די טייערע און נאָענטע קרובים, פריינט און באַקאַנטע, די אומגעקומענע אויף קידוש השם, וועלכע האָבן מיט מסירות נפש אויפגעהאַלטן די מאָנומענטן פון היסטאָרישן יידישן לובלין, דאָס אָרט פון וועד אַרבע הארצות און דאָס אַלטע בית עולם, ווו אונטער יעדער מצבה ליגט אַ גאון עולם.

פאַר די אויגן שטייען נאָך די בילדער פון די אַלט־אַלטע הייזער און דער יידישער בראַם, די „באַסקע בוינע", דאָס שלאָס־געסעלע. פון די לובלינער פאָרשטעט זוואָליע, גראָיס־טשעכיוו, קליין טשעכיוו און זאַמד, פונוואַנען די יידן זענען פאַרטיליקט געוואָרן דורך די אַכזריותדיקע דייטשן בעת דער ליקווידאַציע פון לובלינער געטאָ. פון דאַנען האָבן



אַ געסל אויפן וועג צו דער שעראַקע גאַס

די היטלער־רוצחים אַוועקגעפירט די יידן קיין מיידאַנעק, אין קרעמפּיצע וואַלד, קיין פּאָניאַטאָוו און אין אַנדערע אומקום־פּלעצער, ווו זיי זענען אומגעבראַכט געוואָרן מיט אַלע מינים טויטן.

## געשטאַלטן פון יידישן לובלין

ביים דערמאָנען זיך אין די אומגעבראַכטע לובלינער יידן, טויכן אויף פאַר די אויגן געשטאַלטן פון שרייבער, עסקנים, רביים, סוחרים, קליינהענדלער, כאַלופּניקעס, בעלי־מלאכות, פּאַרטיי־לייט און בעלי־בתים, וועלכע האָבן געהאַט אַ גרויסן טייל אין דער אַנטוויקלונג פון דער קהילה, וואָס האָט געציילט קרוב העכער 45.000 נפשות.

עס איז כדאי צו דערמאָנען די הדרת־פּנים־געשטאַלט פון שרייבער און זשורנאַליסט ש. סטופּניצקי, וועלכער האָט יאָרן לאַנג געלעבט און געשאַפן אין לובלין, זייענדיק מיטרעדאַקטאָר פון דער טאָג־צייטונג „לובלינער טאָגבלאַט", וואָס איז דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון י. ניסענבוים.

איך וויל אויך דאָ דערמאָנען דעם פּרעזעס פון דער קהילה משהל אייזנבערג, וואָס איז גלייכצייטיק געווען ראַטמאַן אין שטאָט־ראַט און וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געווידמעט לטובת דעם כלל.

און ווייטער גייען אַ רייע געשטאַלטן, ווי דער ביאַלער רבי, דער טריסקער רבי, די אייגער"ס, דער מרא דאתרא, הרב טווערסקי און זיינע בייהעלפער, די מורה הוראהס און די אַלע פרומע ערלעכע יידן, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דער אַרבעט צו העלפן אָרעמע און קראַנקע דורך שאַפן די גמילת־חסדים־קאַסעס.

אין דער רשימה פון די געשטאַלטן פון אַמאָליקן יידישן לובלין געפינען זיך צאָלרייכע עסקנים פון פאַרשיידענע פּאַרטייען און אינסטיטוציעס און די ראַמען פון דעם אַרטיקל זענען צו קליין זיי אַלע אויסצורעכענען.

לאָמיר אויך נישט פאַרגעסן די אַלע סוחרים, קליינהענדלער און בעלי־מלאכות, וועלכע האָבן פיל ביינעשטייערט צום יידישן לעבן אין לובלין.

די אַלע יידן, וועלכע זענען שוידערלעך אומגעקומען דורך די נאַצישע הענט, זענען אונדז, לעבנגעבליבענע, טיף איינגעקריצט אין זכרון און מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען זיי אויף די יערלעכע אזכרות און ביי אַנדערע געלעגנהייטן.

מיר וועלן אויך אייביק געדענקען די אַלע לובלינער, וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די טמאדיקע היטלער־הענט אין די טויטן־לאַגערן אוישוויץ, מיידאַנעק, דאַכאַו, בערגן־בעלזן, בוכענוואַלד און אין אַ רייע אַנדערע היטלעריסטישע גיהנומס.

## שלום שאַנצבערג



דעם עסקן שלום שאַנצבערג פון מאָנטרעאַל, וועלכער האָט אונדז דערטיילט די ערשטע פינאַנסיעלע הילף, וואָס האָט אונדז דערמעגלעכט אַרויסצוגעבן דעם ערשטן נומער פון דער „לובלינער שטימע", דריקן מיר אויס אונדזער טיפסטן דאַנק.

רעדאַקציע

ד"ר אלחנן האראָוויץ

# לובלינער ייד אויפגעבויט די „בתי ורשה" אין ירושלים

ווער האָט נישט געהערט וועגן „מאה שערים" און „בתי־ורשה" אין ירושלים? אָבער וויפל לובלינער יידן ווייסן, אַז אַ ייד פון לובלין האָט אויפגעבויט די „בתי־ורשה" פון די „מאה שערים" אין ירושלים?

עס קלינגט ממש ווי אַ לעגענדע, וואָס זיידעס און באָבעס דערציילן זייערע איינִיקלעך וועגן דעם ייד פון לובלין, וועלכער האָט דערמעגלעכט אויפצובויען די „בתי ורשה" אין ירושלים:

מיט איבער זעכציק יאָר צוריק האָט אין לובלין געלעבט אַ זייער רייכער ייד. ער האָט געהייסן יעקב טענענוואָרצל. ווייל ער איז נישט געווען אַזוי פרום, ווי די מערהייט פון די דעמאָלטדיקע לובלינער יידן, האָט מען אים געגעבן אַ צונאָמען „יענקל עשו". ער האָט געהאַט אַ פרוי, וועלכע פלעגט יעדעס יאָר פאָרן קיין איטאַליע, שווייצאַריע אָדער פּאַריז, הגם עס זענען נאָך דעמאָלט קיין עראָפּלאַנען, אויטאָס און אַפילו אַזעלכע באַנען ווי היינט, נישט געווען.

אָבער בעת זיין פרוי איז איינמאָל אַרויסגעפאָרן פון לובלין קיין איטאַליע, האָט זיך יעקב טענענוואָרצלן געחלומט אַ חלום, ער האָט באַשלאָסן צו טאָן תשובה און ווערן פרום. ער האָט פאַרקויפט זיינע גיטער און מיט אַ סומע געלט פון איבער 100 טויזנט רובל איז ער געפאָרן קיין ארץ ישראל. קומענדיק קיין ירושלים, האָט ער דאָס געלט אוועקגעגעבן דעם „כולל ורשה" אויף אויפצובויען הייזער פאַר אָרעמע יידן און אַליין אריין לערנען אין אַ ישיבה.

ווען די פרוי זיינע איז צוריקגעקומען פון אויסלאַנד קיין לובלין, איז זי אים נאָכגעפאָרן קיין ארץ ישראל און אין ירושלים געבעטן דעם רוסישן קאָנסול אַז ער זאָל משפּיע זיין אויף די טערקישע רעגירונגס־באַאַמטע, אַז זיי זאָלן נישט לאָזן דעם „כולל ורשה" זיך באַנוצן מיטן געלט, וואָס יעקב טענענוואָרצל האָט אַרויסגעפירט פון לובלין, וואָס האָט דעמאָלט געהערט צום צאַריסטישן רוסלאַנד. מען האָט פאַרפירט אַ משפּט און מען האָט געפּרוווט דערקלערן, אַז יעקב טענענוואָרצל איז משוגע געוואָרן. אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן און די „בתי־ורשה" זענען אויפגעבויט געוואָרן און זיי שטייען נאָך אין ירושלים עד היום הזה. און ביים איינגאַנג צו „מאה שערים" איז נאָך פאַראַן די אויפשריפט אויף מאַרמאָר לכבוד יעקב טענענוואָרצל פון לובלין.



דער פּראָיעקטירטער פאַרזאַמלונגס־זאַל פון „בית לובלין"

# דיכטער יעקב גלאַטשטיין אין ישראל

דעם 9־טן נאָוועמבער איז אָנגעקומען קיין ישראל דער בארימטער דיכטער און עסייאיסט, אונדזער בן עיר, יעקב גלאטשטיין מיט זיין פרוי פון ניו־יאָרק. א דעלעגאציע פון ארגון יוצאי לובלין די ה"ה מ. פעלד און א. איינשטיין האָבן דעם דיכטער און זיין פרוי באגריסט אויפן פלי־פעלד אין לוד.

מיר האָבן געמאַכט אַלע באַמיאונגען אז דער דיכטער גלאטשטיין זאָל אנוועזנד זיין אויף אונדזער אזכרה. ליידער האָבן מיר צו דער צייט וואָס גלאטשטיין האָט אונדז באַשטימט נישט געקענט באקומען דעם געהעריקן זאַל.

צוליב דער קורצער צייט וואָס י. גלאט־שטיין האָט געוויילט אין ישראל און אויך צוליב זיין שטאַרק באגרענעצטער צייט מיט אָפיציעלע פארפליכטונגען האָבן מיר נישט געהאַט די מעגלעכקייט איינצוארדנען א קבלת פנים און אַ צוזאמענטרעף מיט לובלינער אין ישראל. יעקב גלאטשטיין האָט אונדז פארזיכערט, אז ביי זיין נאָענטסטן באַזוך אין ישראל וועט די עוולה אויסגעבעסערט ווערן. מיר האָפן, אז זיין הבטחה וועט מקויים ווערן.

# לובלינער אַלס עדות אין פראָצעס קעגן ס.ס.־אָפיצירן אין דייטשלאַנד

אין וויסבאדען, דייטשלאַנד, האָט זיך דעם 1־טן דעצעמבער אָנגעהויבן די אויספאָרשונג קעגן 4 ס.ס. אָפיצירן, ד"ר שטרום, וואָרטאָק, שטעקער און הויפטמאַן. די ערשטע 2 ווערן באשולדיקט אין אומברענגען די לובלינער יידן. 5 לובלינער פון ישראל, וועלכע האָבן מיטגעמאַכט די אקציעס: שרה ראפאָפּאָרט, שרה רוער, די ה"ה שמחה טור־קעלטויב, יוסף רוזען און אדוו. אלעקסאנדער ביאנאווסקי זענען פרייטיק דעם 30 נאָוועמבער אָפּגעפלויגן קיין דייטשלאַנד אנטיילצונעמען אין דער אויספאָרשונג.

מיר האָבן צו זיי ארויסגעשיקט דער־מונטערונגס־בריוו. די איינדרוקן פון די עדות וועלן פארעפנטלעכט ווערן אין די ווייטערדיקע נומערן פון דער „לובלינער שטימע".

---

האַרציקע ברכות שיקן מיר איבער דער פרוי **חוה עדעלשטיין** צו דער חתונה פון איר טאָכטער ליליאַן. מזל טוב און גליק דעם יונגן פּאָרפאָלק

ארגון יוצאי לובלין בישראל

---

איך באגריס די איניציאטיוו פון ארויסגעבן די „לובלינער שטימע".

א ריכטיקער געדאנק — צו דער ריכטיקער צייט.

אייער
**ירחמיאל באווניק**

---

טעלעגראפיש

**חברים!**
א געוואַגטער געדאנק, מזל טוב און לאַנגע יאָרן

**אברהם פיינזילבער**
ניו־יאָרק

---

אין טיפן צער מעלדן מיר וועגן פריצייטיקן טויט פון אונדזער בן עיר

## אברהם רימון ז"ל

און דריקן אויס אונדזער טיפסטן מיטגעפיל דער פרוי לאה רימון און קינדער.

ארגון יוצאי לובלין בישראל

---


לובלינער קויפן
פייס־צעטלען און פּאָסט־מארקן
ביי
**מרים ראַבינאָוויטש**
ת"א רחוב הרצל 53


עס ווערט געזוכט אין זיין אינטערעס אליעזר צוקערמאַן פון לובלין; זאָל האָבן געוווינט אויף גרודזקא 7, געהאַט א פאבריק פון בוי־מאטעריאל און לאנדווירטשאפטלעכע מאשינען. ווער עס קען אים, אָדער ווייסט זיין אדרעס ווערט געבעטן מעלדן אין ארגון יוצאי לובלין ת. ד. 4058 ת"א.


רעדאקציע פון „לובלינער שטימע"
ת.ד. 4058 P. O. B.
תל־אביב Tel Aviv Israel


---

צום פאראיין פון די לובלינער לאנדסלייט אין ישראל. און צו די אויסגעבער פון דער צייטונג „לובלינער שטימע"!

## טייערע חברים

מיר באגריסן הארציק די איניציאטיוו און דאָס דערשיינען פון דער צייטונג „לובלינער שטימע", באמת א וויכטיקער שריט צום פאראייביקן דעם אנדענק פון אונדזער שטאָט לובלין.

מיר פארזיכערן אייך אונדזער מיטהילף אין אלע הינזיכטן.

לובלינער לאנדסמאנשאַפט אין ארגענטינע

אברהם בעכעו'
מיטלמאַן
פ. לוגארט
יעקב גראדיל
צדוק פעלד
גאלדבוים
טעמפעלדינער
ס. בעכער
לייזער בעכער
זילבערבערג
באלאבונעק

---

## צו דער פארוואַלטונג פון דער לובלינער ארגאַניזאַציע אין ישראל

איך זע אז ביי אייך איז אומר ועושה. זייענדיק אין תל־אביב האָט פאר מיר אייער סעקרעטאַר, חבר איינשטיין, רעפערירט וועגן פלאַן פון דער צייטונג. איך זע אז איר האַלט אייער הבטחה. איך ווינטש אייך פון גאנצן הארצן דערפאָלג. ס'איז דער הייליקער חוב פון אלע לובלינער צו שטיצן די צייטונג. דאָס איז א כבוד פאר אונדז אלע.

אייער פריינט

**שלום שאַנצבערג**
מאנטרעאל—קאנאדע

---

## חשובע חברים פון ארגון יוצאי לובלין אין ישראל

צום דערשיינען פון אייער צייטונג „לובלינער שטימע", צום 20־טן יאָרטאָג פון אומקום פון דער בארימטער לובלינער קהילה שיקן מיר אייך אונדזער הארציקע ברכות

התאחדות עולי פולין בישראל
מרכז הארגונים
**י. סובינסקי**
סעקרעטאר

---

## ליבע חברים

אין נאָמען פון דער לובלינער לאנדסמאַנשאַפט אין פאריז שיק איך אייך אונדזערע בעסטע ווונטשן צום דערשיינען פון דער „לובלינער שטימע". מיר נעמען אויף מיט פרייד אייער געוואגטן שריט און ווינטשן אייך גרויס דערפאָלג.

מיט חברישן גרוס

**שמואל שפירא**
פאָרזיצער פון געזעלשאפט
פאַראייניקטע לובלינער אין פאַריז

---

## ליבע חברים

איך ווינטש אייך גליק און הצלחה צום דערשיינען פון דער „לובלינער שטימע"... דאָס איז א געוואגטער געדאנק, וואָס פארדינט אָפּגעשאַצט צו ווערן.

מיט גרוס

**מאַטעס זשעלאַזא**
פאַריז

teatrnn.pl